STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11159

SEFER ZIKARON RABENU SHEMUEL SALANT

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

תניא רשב״ג אומר אין עושין נפשות
לצדיקים — דבריהם הם זכרונם
(ירושלמי)

ספר

זכרון

רבינו שמואל סלאנט

שהי׳ שבעים שנה ראש הרבנים
בעיה״ק ירושלים תובב״א

נערך
ע״י נכדו הצעיר באלפי ישראל
נתן נטע סלאנט
בן לא״א מורי הרב ר׳ צבי הירש סלאנט שליט״א
תושב עיה״ק ירושלים תובב״א

שנת פר״ת לפ״ק

דפוס „האחים הורוויץ״, 86 איסט 4טע סט., ניו יארק

תמונת המו"ל

Rabbi NATHAN N. SALANT

92 Canal St., N. Y. C.

תמונת הגאון הגדול סבא קדישא

רבינו **שמואל סלאנט** זצוק"ל זי"ע

The Venerable Old Father

Rabbi SAMUEL SALANT

Chief Rabbi of Jerusalem for Seventy Years



תמונת הגאון הגדול סבא קדישא
רבינו **שמואל סלאנט** זצוק"ל זיע"א
(תמונה זו נלקחה ט"ו יום קודם פטירתו)

Chief Rabbi SAMUEL SALANT
(Taken 15 days before he died)

PREFACE

Many, very many are the stories told about the universally-known Rabbi Samuel Salant of Jerusalem, and there is nothing to be surprised about it, for when we take in consideration the fact that he was for **seventy years** continuously the moral and religious guide of the most important Jewish Community throughout the world—namely Jerusalem, it is but natural that his name should be associated with every important happening in the Jewish life.

His esteem became still greater, when we become aware of the fact that Jerusalem (not counting New York), is the most cosmopolitan city through out the Jewish world—cosmopolitan in its intellectuals as well as in its "plain-folks", and one must possess extraordinary ability in order to deal with them successfully for Seventy

פאָרוואָרט

פיעל, זעהר פיעל ערצעהלונגען ווערען ערצעהלט וועגען דעם אַל־בעקאַנטען גרויסען גאון רבנו שמואל סאַלאַנט ז"ל, און עס איז גאָר קיין וואונדער ניט, ווייל הגרש"ם האָט פון השי"ת זוכה געווען צו זיין 70 יאָהר נאָכאַנאַנד דער ראש רבני ירושלים. און מיר, אידען, וועלכע גלויבען, אַז עס איז אַ זכיה, ווען גאָט ב"ה שענקט אַ אידען 70 יאָהר צום לעבען, איבערהויפּט צו זיין אַ רב די פולע צאָהל פון 70 יאָהר אויף איין פּלאַץ, על אחת כמה וכמה אַז השי"ת האָט מזכה געווען רבנו שמואל סלאַנט צו זיין רב 70 יאָהר אין דער הייליגער שטאָדט ירושלים, איז עס געוויס אַ גרויסע זכיה.

ווען מיר נעהמען אין אַנבעטראַכט די שוועריגקייט, וואָס עס איז פערבונדען צו זיין אַ רב און אַ פיהרער פון אַ געמיינדע, וואָס איהרע מעמבערס זיינען איינגעוואַנדערט פון לענדער פון אַלע פערשיעדענע וועלט־טהיילען, בעוואהרען זיך זייערע פערשיעדענע הנהגות און מיינונגען, און ווען מיר בעטראַכטען, אַז די גרעסטע גאונים פון יענער צייט זיינען געקומען וואָהנען אין ירושלם, קענען מיר זיך פאָרשטעלען די גרויסקייט פון רבנו שמואל סלאַנט ז"ל, וועלכער איז געווען דער הויפּט פיהרער 70 יאָהר, און האָט זיך ערוואָרבען דעם אויסערגעוועהנליך גרויסען נאָמען „סבא קדישא", דער הייליגער פאַט־

Years. For this remarkable, unbroken success Rabbi Salant was given the name of "The Venerable Old Father."

I, as a grand-son of Rabbi Salant, regard it as my holy duty to erect an unforgetable monument to the memory of my grandfather, and for this purpose I have collected many incidents and events that took place during his life time, and which furnish one with some idea about the personality of this famous man, and by publishing this collection, we will attain a double object: It will serve, as I have said, as a monument to his name, and it will also be of great service to the reading public, who want to get a first-hand knowledge of the Jewish Community in Jerusalem, its institutions, spiritual and intellectual guides.

Still greater is my desire and earnest hope that from the proceeds of this book, I will be enabled to build up that institution which will incorporate in it the most exalted ideals of Rabbi Samuel, and which shall bear his name on it. I refer

ריאַרד„ און דעריבער איז עס קיין וואונ־דער, וואָס אַזוי פיעל שעהנע און ערהוי־בענע ערצעהלונגען רינגלען ארום דעם נאָ־מען פון רבנו שמואל סלאנט.

איך, אלס דער אייניקעל פון דעם גאון ז"ל, האָב צונויפגעזאַמעלט פיעלע ערצעה־לונגען פון מיין זיידען ז"ל ערצעהלט, וועלכע אייניגע פון זיי גיב איך דאָ אי־בער צום ווערטהען לעזער.

אום געדעכט צו זיין צום וואָרט „אמת", איבערהויפּט ווען איך קום רעדען וועגען מיינע הייליגע עלטערען הגרש"ם זצ"ל און החסיד רבי יוסף זונדל סלאנט ז"ל זיע"א, מוז איך זאָגען, אַז עס איז אמת, דאָס איך האָף צו השי"ת, אַז ער וועט מיר מצליח זיין איך זאָל קענען דורכפיהרען מיט ער־פאָלג די גרויסע און וויכטיגע ארבייט, וועלכע איך האָב אונטערגענומען און דורך מיין דיעזע ארבייט צו האָבען די מעגליכ־קייט זיך צוריק אומקעהרען צו אונזער הייליגער שטאָדט ירושלם, וועלכע איז מיין היימאַט און נאָך וועלכער איך בענק מיט מיין לייב און זעעל.

אָבער נאָך גרעסער איז מיין ווילען דורך אָט דעם בוך אויפצובויען אַן איי־ביגען אַנדענקונגס־מאָנומענט נאָך מיין זיידען זצ"ל, וועלכער האָט אַזוי פיעל גע־לייסטעט און אוועקגעגעבען זיינע בעסטע כחות צום וואָהל און גוט־זיין פון אונזער הייליגע לאַנד, און מיין האָפנונג איז זעהר שטאַרק אין השי"ת, איך זאָל נאָך דערלע־בען צו זעהן, ווי מיין הייסער וואונש צו גרינדען אַ ישיבה אויף דעם נאָמען פון מיין גרויסען זיידען הגרש"ם ז"ל אין ירושלם ת"ו זאָל זעהר שנעל פאַרווירקליכט ווערען און איך זאָל איהר פיהרען נאָך

to a Rabbinical College in Jerusalem, of which I shall be priviledged enough to be at its head.

I wish to ask the reader to read carefully the entire book and pay special attention to the part in which I give my views about the existing conditions in Palestine, and the charitable institutions functioning there.

I express my sincere hope that the reader will appreciate an opinion about Jerusalem given by a son of one of its eldest families—it is One Hundred and Seventeen Years since my family settled in Palestine, beginning with Rabbi Israel Schklaver, a scholar of the Goan of Wilna, who came to Jerusalem in the year 5562.

I hereby express my most earnest wish that the Almighty grant me the opportunity and ability to bring to light all of Rabbi Salant's writings so that every Jew shall have excess to them.

Nathan N. Salant.

Grandson of the great Chief Rabbi Samuel Salant, Jerusalem, Palestine. Now Residing at 92 Canal St., New York City.

דעם גייסט פון מיין פערשטארבענעם גרויסען זיידען, ביז ביאת הגואל בב"א.

אבער עס איז אויך אמת, אז איך וויל „מזכה זיין את הרבים", וועלכע וועלען לייענען די געשיכטע און לעבענס פון אט די גרויסע און הייליגע מענער, אום זיי זאלען זעהן און זיך איבערציינגען, ווי השי"ת העלפט יעדען איינעם, וואס איז זיך מוסר נפש פאר א וואהלטהעטיגע זאך און דבר מצוה, אז ער זאל אויספיהרען זיין גערעכטען פערלאנג, און צו דער זעלבער צייט וועט דער לעזער אויך בעקאנט ווערען מיט א היבש ביסעל הנהגות און גוטע מדות פון די אונשטערבליכע גאונים, וועמעס ערצעהלונגען עס ווערען דא געבראכט.

איך וויל אויך בעטען דעם ווערטהען לעזער, ער זאל אזוי גוט זיין און זיך נעהמען די מיה צו לייענען דעם ספר פון אנפאנג ביז צו ענדע די תולדות הגרש"ם וועלכע איך רוף „זכרון שמואל", די זכרונות פון דעם חסיד רבי יוסף זונדל סלאנט זצ"ל, אויך די „זכרונות ירושלם" און איבערהויפט דעם קונטרס „הגיוני רוחי", אין וועלכען איך זאג ארויס מיין מיינונג וועגען ארץ ישראל בכלל, און ירושלם בפרט, און איבערהויפט וועגען די „בתי הצדקה והחסד" אין ירושלם.

איך האף און בין זיכער, אז די ווערטהע לעזער וועט געוויס אינטערעסירען צו הערען די מיינונג פון א יליד ירושלם, וועלכער איז א מיטגליעד פון איינער פון די עלטסטע ווי אויך די אנגעזעהענסטע פאמיליעס אין ירושלם. ווייל אונזער פאמיליע עקזיסטירט שוין אין ירושלם 117 יאהר אנפאנגענדיג פון מיין עלטער-זיי־

דען הרב הגאון ר׳ ישראל, מחבר פון „תקלין חדתין" ו„פאת השלחן", א תלמיד פונ׳ם הגר"א ז"ל, וועלכער איז געקומען אין ירושלים אין יאהר 5562, תקס"ב).

און היערמיט גיב איך א שבח והודיה צו השי"ת, וועלכער האט מיר געהאלפען ביז יעצט און מיר געגעבען קרעפטען ארויסצוגעבען דיעזען ספר. און איך וועל ענדיגען מיט די ווערטער פונ׳ם הייליגען משורר: מחרב הצלתנו, מדבר מלטתנו, ומחליים רעים ונאמנים דליתנו", ווייל איך האב עס אלעס דורכגעמאכט. עד הנה עזרונו רחמיך ולא עזבונו חסדיך האף איך אויך אויף ווייטער: ואל תטשנו ה׳ לנצח.

השי"ת זאל מיר אויך העלפען, אז איך זאל זוכה זיין ארויסצוגעבען אלע חדושי תורה פון מיין הייליגען זיידען, וועלכע זיינען נאך בכת"י, אויך אלע פאסירונגען וועלכע האבען איהם געטראפען אין ירושלים, אויך די מחלוקת לשם שמים, וואס האבען איהם ארומגערינגעלט, דאן ערשט וועט דער לעזער האבען א ריכטיגען בעגריעף פון די גרויסקייט און ערהויבענקייט פון דעם „סבא קדישא" ז"ל. השי"ת זאל אונז מזכה זיין צו דערלעבען צו געהן נאך ארץ ישראל בשוב ד׳ את שבות עמו בב"א.

המאסף והמוציא לאור

הק׳ נתן נטע סלאנט

בהר"צ סלאנט שליט"א

נכד הגאון מו"ה נתן נטע נאטקין זצ"ל, שהי׳ נכדו של הגאון האדיר שר התורה בעל המחבר „שאגת ארי׳" זצ"ל ונכד הגאון מוה"ר ישעי׳ באראדקי זצ"ל שהיה חתן הגאון מוה"ר ישראל בעל „התקלין חדתין" ו„פאת השלחן" ונכד הגאון רבנו שמואל סלאנט זצ"ל שהיה חתן הגאון ר׳ יוסף זונדל סלאנט זצ"ל ונכד הגביר הצדיק ר׳ יוסף יוזל ליאון שהיה חתן הגאון הצדיק ר׳ נפתלי כ"ץ זצ"ל, ויחוסו עולה עד עלי הכהן.

Rabbi Samuel Salant, who held the position of Chief Rabbi in Jerusalem for Seventy Years, was born to his father Rabbi Hirsh (Zvi), on the second day of Shvat in the year 5576. While still a child, he was known as "the genius", and his father who was a Rabbi himself in the following communities, Drezin, Walconic, Track, and Piesk, brought up and raised his son in his own way, and gradually, the child was known throughout Lithuania as the wonder child.

Before reaching the age of seven, a misfortune overtook the little one; his father died, and he remained all alone to find his way in the world. However, friends came to his aid and upon their advice, he went to the city of Salant, in order to study, under the supervision of the then very famous scholar Rabbi Hirsh Broide, who was also called Rabbi Hirsh Salant. There he stayed until the age of 22. There also he met and became acqainted with another child as big a Genius as himself, by the name of Israel, afterwards known as Rabbi Israel Salanter, and they became tied to one another by

זכרון שמואל

רבנו שמואל סלאנט זצ"ל, וועלכער איז געווען רב אין ירושלם עה"ק תובב"א 70 יאהר איז געבארען געווארען צו זיין פאטער הרה"ג רבי צבי ז"ל דעם צווייטען טאג אין חדש שבט אין יאהר תקע"ו. נאך זייענדיג אלס קינד האט ער בעקומען דעם נאמען „עלוי" און זיין פאטער וועלכער איז געווען רב אין די פאלגענדע שטעדט: דרעצין, וואלקאניק, טראק און פיעסק, האט איהם מחנך געווען אויף זיין וועג און זיין נאמען איז געוואקסען איבער גאנץ ליטע אלס וואונדער קינד.

בעפאר ער איז נאך קיין 7 יאהר ניט אלט געווארען איז זיין פאטער נפטר געווארען און דער וואונדערקינד איז געבליבע גאנץ אליין צו געפינען פאר זיך א וועג אין לעבען.

דאן האבען זיינע פריינד איהם געשיקט אין דער שטאדט סלאנט לערנען ביי דעם גרויסען גאון און צדיק רבנו צבי הירש ברוידא זצ"ל וואס איז בעוואוסט מיט דעם נאמען „רבי צבי הירש סלאנטער". דארט האט ער געלערנט ביז ער איז אלט געווארען 22 יאהר. דארט האט ער זיך געטראפען און איז אויך גוט בעקאנט געווארען מיט נאך א וואונדער קינד ר' ישראל, וואס איז בעוואוסט מיט דעם נאמען „ר' ישראל סלאנטער" זצ"ל און זיי זיינען צוגעבונדען געווארען איינער צום צווייטען מיט דער הייליגער ליעבע ,אהבה שאינה תלויה בדבר. צוזאמען האבען זיי געלערנט און צוזאמען האבען זיי אויך געליטען ווייל זיי האבען געלערנט תורה מתוך הדחק ביז זייער רבי, וואס האט זיי ליעב געהאט אהבת נפש, האט זיך

דערוואוסט דורך דעם גביר און נדיב ר׳ יוסף יוזל ליאון 1) ז״ל וואָס האָט זיך שפּעטער מחותן געווען מיט ר׳ שמואל סלאנט ז״ל און זייער רבי הצדיק רבנו צבי הירש סאלאנטער זצ״ל זיע״א, אבוואָהל ער האָט זעהר שטארק געליטען פון רהומאַטיזם און עס איז איהם שווער געווען דערגעהן, פונדעסטוועגען האָט ער גענומען אַ ברויט מיט אַ טאָפּ סמעטענע

1) ווען דער גאון רש״ם איז געפאָהרען נאָך ארץ ישראל, איז אויך דער נדיב ר׳ יוסף יוזיל ליאון ז״ל געפאָהרען נאָך ארץ ישראל, און נאַכהער ווען ר׳ שמואל האָט געדאַרפט טהאָן אַ שדוך מיט זיין זוהן, זיין בן יחיד, מוה״ר ר׳ בנימין בייניש ז״ל, און אָבוואָהל עס האָבען זיך געפונען פיעלע רייכערע לייטע, וועלכע האָבען זיך געוואָלט מחותן זיין מיט ר׳ שמואל ז״ל, דאָך האָט ר׳ שמואל ז״ל פאַרגעצויגען די טאָכטער פון דעם נדיב ר׳ יוסף יוזיל ליאון ז״ל פאַר אַ כלה פאַר זיין בן יחיד, ווייל אין די לעצטע צייט פון זייער זיין אין סלאנט האָבען זיי, ער צוזאַמען מיט זיין חבר, דער גאון ר׳ ישראל סלאנטער זצ״ל, געלערענט ביי זייער רבי אין מדות טובות הגאון החסיד ר׳ יוסף זונדל סלאַנטער ז״ל. פולע דריי יאָהר רצופים, אין דער הויז פון דעם נדיב ר׳ יוסף יוזיל ליאון ז״ל, און אלע זייערע הצטרכות האָט דער נדיב ז״ל זיי געגעבען מיט אַ פולער האַנד, און זיין קליין מיידעלע, אַ קינד פון 2 יאָהר, האָט דער נדיב איינגעוואָהנט צו טראָגען עסען די גאונים. אָט דאָס קינד איז געווען די כלה, וואָס הגרש״ס האָט אויסגעקליבען פאַר זיין זוהן.

ties of pure friendship and love. They studied together, and also suffered together, until their Rabbi, who loved them as his own children, became aware of their sufferings through the philantrop, Joseph Yosil Lyon 1) (who afterwards became related to Rabbi Samuel Salant by the intermarriage

1) When Rabbi Samuel Salant went to the Holy Land, Joseph Y. Lyon went together with him. Inlater years, when Rabbi Benamin Beinish, only son of Rabbi Samuel, was about to marry, Rabb Samuel chose for him the daughter of Lyon, notwithstanding the fact that many a rich family in Jeru salem were anxious to have the name of Salant in their family His main reason for doing so was that he recalled the days when he was in Salant with his friend, Rabbi Israel Salanter, together with their great Rabbi Joseph Sundel Salanter and lodged at the house of Lyon, where Lyon supported and provided them with their needs.

Lyon's little daughter, who was then hardly more than a baby, was trained to carry meals to the shule for the great genius. It was this daughter that Rabbi Samuel chose as a wife for his son.

of their children), and though suffering greatly of rheumatism and being hordly able to walk, he took along food and brought it to the two hungry students, and compelled them to receive it. Since that incident, they did not suffer any longer, for the people of the city, noticing the great love and admiration that their beloved Rabbi had for the two students, realized that it is their duty to help the two out. Particularly interested in them was the aforesaid Lyon, who spent a great deal of money all the time that they lived in Salant.

At Salant, Rabbi Samuel also became acqainted with the great scholar and moralist Rabbi Joseph Sundel Salant (who late rgave him his daughter for a wife), and from him he and Rabbi Israel were taught Ethics (מדות) (2.

2) Rabbi Israel Salanter in the preface to his book he published in the year 5621 writes, "And I was taught by Rabb Joseph Sundel Salant, who now lives in Jerusalem, and I have stil not reached his heels yet. H

און אליין, בכבודו ובעצמו, זיי אוועקגעטראגען, און האט אויף זיי גוזר געווען אז זיי זאלען דאס נעהמען פון זיין האנד. פון אט דער פאסירונג אן האבען זיי שוין מעהר פון קיין דחקות ניט געליטען, ווייל די שטאדט לייט פון סלאנט, וועלכע האבען גוט געוואוסט די גרויסקייט פון זייער רב, פון דעם גאון ר׳ הירש ז״ל ברוידא, און ווייל זיי האבען אויך געוואוסט דאס עס איז איהם שווער דער געהן און פונדעסטוועגען האט ער ניט געקוקט אויף זיין כבוד, אויף זיינע יסורים און האט אליין ניט דורך קיין שליח זיי געבראכט. דאס עסען גלייך ווי ער האט זיך נאר דערוואוסט אז זיי ליידען דחקות, האבען זיי דערפון פארשטאנען אז די צוויי קינדער איבערשטייגען מיט זייערע מעלות איבער אלע אנדערע תלמידים וועלכע האבען צו יענער צייט געלערנט אין דער ישיבה. אויך האט דער בערימטער נדיב ר׳ יוסף יוזל ליאון ז״ל גענומען איין גרויסען אנטהייל אין זייער פינאנציעלער לאגע און האט זיי פיעל געהאלפען אזוי לאנג ווי זיי זיינען געוועזן אין סלאנט.

דארט האט ער זיך אויך בעקאנט מיט דעם גאון און חסיד ר׳ יוסף זונדל 1)

1) הגאון ר׳ ישראל סלאנטער זצ״ל זיע״א אין זיין הקדמה צו זיין ספר „תבונה" (וועלכען ער האט ארויסגעגעבען אין יאהר תרכ״א) שרייבט: „און איך האב געלערענט ביי מיין רבי הרב מ״ו יוסף זונדל סאלאנט, וועלכער וואהנט יעצט אין ירושלים תובב״א. און ביז יעצט בין איך נישט געקומען צו זיינע קנאפעל. ער ז״ל איז געוועזן „סלם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה", אזוי

When Rabbi Samuel reached the age of 8 he became engaged to the daughter of Rabbi simon Kadaner who was Rabbi of the City of Birz, and before he was Bar Mitsva, he was married.

At the age of 13, he was given his rabbinical licence (סמיכה) by the well known Rabbies, Rabbi Abele Paswelver of Wilna, Rabbi Jacob Karlin, author of the book משכנות יעקב and Rabbi Hirsh Broide, his master.

For three years he stayed with his wife during which time she gave birth to a daughter, but for reasons unknown to me he divorced her, and went back to Salant to study.

Before that, he went to Wilna to visit his rabbi, Rabbi Paswaler of Wilna, and there stayed a month. Later he went to

---

was that ladder standing on the earth and its top reaching into heaven. He lived with his fellow men on earth, but his mind and mentality reached heaven."

זצ"ל זיע"א (וועלכער האט איהם נאכ־הער גענומען פאר אן איידים) און האט ביי איהם געלערנט „מדות" צוזאמען מיט ר' ישראל סאלאנטער ז"ל.

ווען דער גאון רש"ס ז"ל איז אכט יאהר אלט געווארען האט דער בעריהמ־טער גאון ר' שמעון קאדאנער ז"ל דער ראב"ד פון בירז איהם גענומען פאר איין חתן, און זיין טאכטער די כלה איז דאן אויך אין די זעלבע יאהרען געווען. און בעפאר רבנו שמואל איז אלט געווארען 13 יאהר, בר מצוה, האט ער געהייראט זיין פרוי כדת משה וישראל.

(דער בעריהמטער גאון ר' זאב פון ביאליסטאק, דער מחבר פון די ספרים „מראות הצובאות" און „אגדות אזוב" האט פון איהם זעהר פיעל געהאלטען נאך ווען ער איז געווען א קינד פו אכט יאהר.)

צו 13 יאהר האט ער אויך געקראגע סמיכה פון די גאונים ר' אבלי פאס־וואלער פון ווילנא, ר' יעקב קארלין, מחבר פון ספר „משכנות יעקב", און ר' הירש ברוידע ז"ל און נאך פילע גאונים פו יענער צייט האבען איהם מסמיך געווען.

דריי יאהר האט ר' שמואל געוואהנט מיט זיין פרוי און זי האט איהם גע־בוירען איין טאכטער, אבער איבער פאר־שיעדענע אורזאכען האט ער געגעבען א

ווי איין לייטער, וואס מיט איין ענד שטעהט ער אויף דער ערד און זיין צווייטע ענד גרייכט ביז צום הימעל. דאס זעלבע איז אויך געווען דער קדוש ד' מכובד החסיד ר' זונדל סאלאנט ז"ל. ער האט געלעבט מיט אלע מענשען צוזאמען אויף דער ערד, אבער זיין קאפ האט געגרייכט אין הימעל.

גט צו זיין פרוי, און דאן האט ער באַשטימט צו פאָהרען נאָך סלאנט ווייטער לערנען.

נאָר בעפאָר איז ער געפאָהרען אין ווילנא בעזוכען זיין רבי הגאון ר׳ אבא פאסוועלער זצ״ל פון ווילנא און האט דאָרט פארבראכט איין מאָנאט. און פון דאָרט איז ער געפאָהרען בעזוכען זיין מוטער וועלכע האט געוואָהנט אין טראק, און זעהענדיג איהר אָרעמקייט האט ער איהר אַוועק געגעבען די פּאָר רובעל וועלכע ער האט פערמאָגט און פיר זיך נור איבערגעלאזען פוהר געלד נאָך סלאנט, דערווייל איז איהם אָנגעקומען איין בריעף פון דעם גאון ר׳ אבא פאסוועלער ז״ל, אין וועלכען עס איז געשריבען פאָלגענדעס:

„היות כי פלוני.... חפץ לגרש אשתו פלונית... ובשו״א איננו רוצה שהגט יהיה בווילנא, ויען כי המגרש הוא חכם להרע ולכן על הרב המסדר לחשוש על כל חששות ולתקנם שלא יכול ח״ו לערער אח״כ על הגט, ובחשבי את כל הרבנים מסביבות ווילנא, מצאתי לנכון לבחור בכת״ר ש״י ועל״י דמר קא סמיכנא.“

דאָס מיינט, אזוי ווי מסדר זיין דעם גט איז זעהר שווער זאָ מוז מען האבען איין גרויסען רב און למדן און פון אַלע רבנים אַרום ווילנא האָט ער איהם געפונען אַלס דער ריכטיגער אויף וועמען מען קען זיך פערלאָזען.

זאָ האָט ער מסדר געווען דעם גט, או צוליעב דעם האָט ער שוין פערבראכט מעהר מיט א פּאָר טאָג. דערווייל'ע האָט ער בעקומען א בריעף פון הגה״ח הריז״ם זצוק״ל, אין וועלכען ער האט

visit his mother in Track and seeing how poverty had stricken her, he gave her the few rubles he had and left for himself only a few cents for his fare to Salant. In the meantime, he receiver a letter from Rabbi Poswaler in which he states that he should hold divorce proceedings between a husband and wife in the city, because it is a very difficult case to handle and of all the noted Rabbis of the cities around Wilna, he found him the most competent to handle this case.

Rabbi Salant gave the divorce and this delayed him a few more days in Track.

Later on, he received a lettr from the Great Rabbi Joseph Z. Salanter. He wrote that he would be very pleased if Rabbi Samuel Salanter would choose his daughter for a wife. He went to Salant and the Chosid Zundel Salanter received him with great honor and took special care that everything should come out well. A day later Rabbi Zundel Salant showed him a letter from the Rabbi Paswoler stating that in the meantime he should keep

in touch with Rabbi Samuel Salant because many noted people are anxious to see him back to his first wife, and also requests that Rabbi Zundel Salant hsall try to influence Rabbi Samuel Salant and if Rabbi Shimon Kadaner will consent, Rabi Salant shall not go against him. Rabbi Salant answered that he will keep his word and will not marry again if his first wife does not marry. He went to Volosin and the noted Goan Rabbi Isaac Volosiner, the son of Rabbi Chaim Volosiner, received him very pleasantly and gave him a separate room to study, and Rabbi Samuel studied for a full year, until he received a letter from Rabbi Sundel Salanter in which he lets him know that his first wife married Rabbi Asher Nison. Then he went to Wilna and visited the Goan Rabbi Paswoler. The Rabbi reminded him about the divorce and praised him for his intelligence.

Rabbi Samuel Salant stayed with Rabbi Paswoler for a short time, and Rabbi Paswoler asked him to take his daughter for a wife, and also told

איהם פאָרגעשלאָגען נעהמען זיין טאָכטער פיר איין פרוי. זאָ איז ער אוועק געפאָהרען אין סלאנט. דער חסיד הריז"ס ז"ל האָט איהם אויפגענומען מיט גרויס כבוד, און ער האָט זיך משתדל געווען עס זאָל איהם קיין זאַך ניט פעהלען. אין אַ טאָג שפּעטער האָט איהם דער חסיד ז"ל געוויזען איין בריעף פון דעם גאון ר' אבא פאַסוואָלער ז"ל אַז ער זאָל דערווייל נאָך אויפהאַלטען זיך פערבונדען מיט האברך הרה"ג ר' שמואל ווייל פיעל גדולי דורנו זיינען זיך משתדל ער זאָל מחזיר גרושתו זיין און ער בעט ער זאָל ווירקען אויף דעם גרש"ם אַז אויב מען וועט פועל זיין ביי הגאון ר' שמעון קאדאנער ז"ל זאָל ער ניט זיין דאַגעגען. זאָ האָט איהם דער גרש"ם געענטפערט אַז זיינע רייד איז ביי איהם הייליג און אַז ער וועט קיין שידוך טהאָ ביז וואנען ער וועט ניט וויסען אַז ד גרושה האָט ניט געהייראַטה. דאַן איז ער אַוועקגעפאָהרען אין וואָלאָזין און דער בערימטער גאון ר' יצחק וואָלאָזינער ז"ל דער זוהן פון גאון עולם הר' חיים וואָלאָזינער זצ"ל זיע"א האָט איהם זעהר פריינדליך אויפגענומען און האָט איהם געגעבען איין חדר מיוחד צו לערנען און ער האָט דאָרטען געלערענט איין פולע יאהר, ביז ער האָט געקראָגען איין בריעף פון דעם חסיד רי"ז סלאנטער אין וועלכען ער האָט איהם געלאָזט וויסען, אַז די גרושה איז פערהייראטה געוואָרען צו ר' אשר ניסן בירזער רב, זאָ איז ער אוועק נאָך ווילנא און ער האָט בעזוכט דעם גאון ר' אבא פאַסוואָלער ז"ל, האָט איהם ר' אבא ז"ל פאַסוואָלער געזאָגט אַז ער האָט זעהר גוט מסדר געווען דעם גט

him that she is affected with a certain ailment. Rabbi Samuel Salant told him that he deemed it a great honor to be his son-in-law, but on account of the matter with her, which he told him, he can't marry her. Rabbi Paswoler jumped up from his seat, went to his desk and started to write. Rabbi Samuel Salant became frightened and wanted to leave the house, but realized that it would not be the proper thing to do, and he sat down and waited. After Rabbi Paswoler was through writing, he handed the paper to Rabbi Samuel Salant. How amazed he became, when he saw that it was an honorary diploma and a title attached to it. Rabbi Samuel Salant told him, first, he did not ask him for any diploma, secondly, he decided not to be a rabbi, so what need is there for the diploma 1),; thirdly, he already

1)The two Goanim, Rabbi Samuel and Rabbi Israel Salanter, made a resolution never to become rabbies. That was the reason he refused Brisk in the year 5600 to become ther rabbi.

Two representatives of Brisk came with signatures of Rabbies

פון דעם חכם להרע, און ער האָט ביי איהם פערבראכט א קורצע צייט זאָ האָט דאָן דער גאון ר׳ אבא פאסוואלער איהם מציע געווען ער זאָל נעמען זיין טאָכטער פיר איין פרוי און ער מוז איהם אָבער זאָגען, האָט ער צוגעגעבען, אַז זי האָט איין חסרון, זאָ האָט דער גרש״ם ז״ל געענט־פערט אַז עס וואָלט פיר איהם געווען איין גרויסער כבוד צו זיין זיין איידעם אָבער ער קען ניט בעַשטימען צוליעב דעם חסרון. זאָ האָט זיך דער גאון ז״ל אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ און איז צו־געגאַנגען צו זיין טיש און האָט גענומען איין פאַפּיער צו שרייבען. דער גרש״ם האָט זיך אביסעל דערשראָקען און האָט געדיינקט אוועק צו געהן, נור פון דעסט־וועגען האָט ער אָבגעוואַרט צוליעב כבוד הרב, דער גאון איז פערטיג געוואָרען מיט זיין שרייבען און האָט זיין שרייבען געגעבען צו דעם גרש״ם ז״ל, און ווי ערשטיינט איז געוואָרען דער גרש״ם אַז דער כתב איז געווען איין כתב סמיכה אויף רבנות מיט זעהר איין גרויסען טי־טול. האָט דער גרש״ם איהם געזאָגט איך האָב דאָך אייך ניט גיבעטען קיין סמיכה און ווידער איך האָב בעשטימט ניט צו נעהמען קיין רבנות 1) און איבער־

1) אייניגע זאַכען איז געווען איין החלטה ביי די צוויי גאונים הגרש״ם והגאון ר׳ ישראל סאלאנטער זצוק״ל, פון וועלכע אייגע פון די החלטות איז געווען, אַז זיי זאָלען נישט אָננעהמען קיין רבנות און דאָס איז געווען די אורזאַכע, וואָרום ער האָט ענט־זאָגט בריסק אין יאָהר ת״ר, ווען צוויי שלוחים פון בריסק זיינען געקומען מיט איין כתב רבנות, אַז ער זאָל אָננעהמען

has a diploma from him. Rabbi Paswoler answered that he gave him this writing as a token of true freindship even though Rabbi Samuel Salant did refuse his daughter.

Rabbi Samuel Salant took

---

to Rabbi Samuel Salant to ask him to become Rabbi of Brisk. When he refused, they asked him whether his refusal was due to the cause of his being too young, and if that is the case they will allow Rabbi Israel to go along with him. He answered them thus:

"If Rabbi Israel Salanter wil agree to go, I will go along, but know positively that he will refuse and Rabbi Israel will not go."

Later he found that two representatives came from Brisk with writings of his name and two others with writings of Rabbi Israel's name, and when Rabbi Israel refused they asked him the same question. whether he refused because he was too young and they will send Rabbi Samuel with him. His answer was the same as Rabbi Samuel's. He said, "If Rabbi Samuel goes, I go, too, but I am positive he will refuse."

Rabbi Samuel used to say. "I am not the Rabbi of Jerusalem, I am only the head of the Tribunal."

הויפט אז איך האב פון אייך זא איין סמיכה דעם כתב וואס איהר האט געשיקט מסדר צו זיין דעם גט וואו ער האט איהם געשריבען "ועלי' דמר קא סמיכנא" , זא האט איהם דער גאון ז"ל געענטפערט אז ער האט איהם געוואלט וויזען אז ער האט אויף איהם קיין פאר איבעל ניט און. דאן האבען זיי זיך געזעגנט מיט גרויס פריינדשאפט און דעו גאון ר' אבא ז"ל האט איהם בעגלייט.

פון ווילנא איז ער געפאהרען אי בריסק, און דארט האט מען איהם מכבד

די רבנות אין בריסק, און ווען ער האט זיי ענטזאגט, האבען זיי איהם געזאגט, פיליוכט דענקט ער, ווייל ער איז יונג, וועט דאס זיין פאר איהם שווער, זא וועט דער גאון ר' ישראל סאלאנטער ז"ל זיין מיט איהם, זא האט ער זיי געענטפערט, אויב ר' ישראל וועט אננעהמען, וועט ער אויך אננעהמען, אבער ער וויים זיכער, אז אויך ר' ישראל וועט זיי ענטזאגען. נאכהער האט ער זיך דערוואוסט, אז פון בריסק זיינען ארויסגעפאהרען צוויי לייטע מיט איין כתב רבנות אויף זיין נאמען און צוויי לייטע מיט איין כתב רבנות אויף דעם נאמען פון ר' ישראל זצ"ל און ווען ר' ישראל האט זיי ענטזאגט, האבען זיי איהם אויך געזאגט דאס זעלבע. פיליכט דענקט ער, אז עס וועט איהם זיין צו שווער, ווייל ער איז יונג, ר' שמואל וועט אויך זיין מיט איהם, האט ער זיי אויך געענטפערט, אויב ר' שמואל וועט אננעהמען זא וועט ער אויך אננעהמען, אבער איך וויים אז ר' שמואל וועט נישט אננעהמען (צוליעב זייער החלטה) (דער גרש"ם פלעגט זאגען: איך בין נישט רב פון ירושלים תובב"א נאר דער מורה הוראה).

leave of Rabbi Paswoler and from there he went to Brisk.

At Brisk many noted people asked him to discuss a topic with them. He agreed and when the day came, the synagogue was full with people to listen to the great man. He discussed his topic, and nobody dared ask him anything, but one little fellow about the age of 14, stood up and asked a question. The people were shocked to see a child like that ask Rabbi Salant a question. They now thought that Rabbi Salant lost all chances of winning the discussion. But at that moment Rabbi Salant answered his question so wisely, that the people were very much surprised.

After the discussion, the people were asked if there were any questions, and Rabbi Salant will answer them, but nobody undertook to ask.

The little fellow who asked Rabbi Samuel Salant the question was the Goan David Luria, who later beiame rabbi of the world, and was known as Rabbi David Karliner. (When my father, Rabbi Hirsh Salant, who at present lives in Jerusalem, went to Karlin about

געוועזן זאָגען איין „חלוק“ און דאָן איז געוועזן איינגעפיהרט אז דער וועלכער האָט געזאָגט דעם „חלוק“ האָט געדאַרפט זאָגען פון וואָס פאַר איין ענין ער וועט זאָגען דעם פלפול, און מען פלעגט מפרסם זיין אין שטאָט אז דער רב וועט זאָגען א פלפול אין די סוגיא און זאָ האָט מען אויך מפרסם געוועזן אין שטאָדט אז דער גרש״ם וועט זאָגען אין ביהמ״ד משמורים, דער ביהמ״ד איז געוועזן געפאַקט און דער גרש״ם האָט געזאָגט און ער האָט זעהר אויסגענומען זאָ אַז קיינער האָט זיך ניט אונטערגענומען אויף צו פרעגען, נאָר איין יונגער קינד 14 יאהר אַלט האָט איהם געפרעגט איין קושיא סותר צו זיין זיינע רייד און דער עולם וועלכער איז געוועזן גרויסע למדנים איז געוואָרען ערשטוינט פון די קושיא און מען האָט געדיינקט אז ער האָט געשטעלט דעם גרש״ם ז״ל אָבער. נאָך מעהר ער־שטוינט איז דער עולם געוואָרען ווען דער גרש״ם האָט גלייך אויף דער שטעל גע־ענטפערט און אזוי קלאָר אַז מען איז פער־וואונדערט געוואָרען פון זיין גאונות.

נאָך זיין דרשה האָט מען אויסגערופע ווער עס וויל זיך מתפלפל זיין איז דער גרש״ם גרייט צו ענטפערען, אָבער קיינער האָט זיך ניט אונטערגענומען, דער בחור וועלכער האָט געפרעגט די קושיא איז גע־ווען הגאון ר׳ דוד לוריא ז״ל וועלכער איז שפעטער געוואָרען רב אין פינסק און קארלין, און געוועזן בעוואוסט אַלס רשכבה״ג, מיט דעם נאָמען ר׳ דוד קאר־לינער ז״ל, וועלכער איז געוועזן אינגער פון דעם גרש״ם ז״ל איין ערך 4 יאהר, (און ווען מיין פאָטער הרב ר׳ צבי הירש סלאנט שליט״א וועלכער וואהנט יעצט אין עה״ק ירושלים תובב״א איז מיט 8

8 years ago, Rabbi Karliner told him the story, and also intimated that when Rabbi Samuel Salant visited Russia in 5621 he stayed for a short time as a guest of his father-in-law, the noted philanthropist, Mr. Luria. Mr. Luria wrote to him that Rabbi Samuel Salant is at his home and he immediately came to greet Rabbi Samuel. There was a difference in age between Rabbi Salant and Rabbi David Karlin in 4 years.

From Birsk he went to Salant.

Hardly a week passed since he returned to Salant when Rabbi Joseph Sundel Salanter, having learned what had happened, came to him in the synagogue and asked him if he was willing to become his son-in-law.

Rabbi Samuel considered it a great honor and privilege to marry the daughter of Rabbi Joseph Sundel Salanter, and accepted the proposal.

Shortly after this conversation, the marriage ceremony took place, and the young couple lived in Salant till the year 5600.

In the year 5599, Rabbi Joseph Sundel Salanter left for

יאָהר צוריק געווען אין קארלין האָט דער גאון ר׳ דוד קארלינער זצ״ל דערצעהלט איהם די געשיכטע און האָט צוגעגעבען. אז ווען דער גרש״ם ז״ל האָט בעזוכט רוסלאנד אין יאהר תרכ״א און ער איז געווען פאר איין קורצער צייט דער גאסט פון זיין שווער דער בעוואוסטער גביר ר״ש לוריא האָט איהם זיין שווער געשריעבען אז דער גרש״ם איז ביי איהם איין גאסט איז ער תיכף געפאָהרען צו איהם מקבל שלום זיין). פון בריסק איז ער געפאָהרען קיין סלאנט.

אום מוצאי ש״ק פון דערזעלבער וואָך האָט זיך דער חסיד ר׳ יוסף זונדל ז״ל זיע״א דערפון דערוואוסט, ער איז דאן געווען אין א שטעדטעל ניט ווייט פון סאלאנט, און ווייל ער האָט ניט געקענט בעקומען קיין פוהר צום פאָהרען איז ער אוועק צו פוס נאָך סאלאנט, און אָנקומענדיג אהין פארטאָג האָט ער געטראָפען ר׳ שמואל׳ן ז״ל אין בית המדרש זיצענדיג ביים לערנען מיט גרויס התמדה. אָהן פיעלע הקדמות איז ער גלייך צו צום ענין און האָט איהם געפרעגט צו וועט ער צופרידען זיין צו ווערען זיין איידים? ר׳ שמואל ז״ל האָט דעם פאָרשלאָג גלייך אָנגענומען, בעמערקענדיג דערביי, אז עס איז פאר איהם א גרויסער כבוד גערעכענט צו ווערען פאר זיין איידים.

א קורצע צייט נאָך דעם געשפרעך האָט ר׳ שמואל ז״ל געהייראט די טאָכטער פון ר׳ יוסף זונדל ז״ל, און מאן און פרוי האָבען געוואהנט אין סאלאנט ביז דעם יאהר ת״ר לאלף הששי.

אין די לעצטע דריי יאָהר, וועלכע דער גרש״ם זצוק״ל מיט דעם גאון ר׳ ישראל סלאנטער זצוק״ל האָבען געלערנט צו־

the Holy Land and settled in Jerusalem. There he was appointed to act as presiding officer of the Jewish Tribunal בית דין

In the same year 5599, the lungs of Rabbi Samuel Salanter became affected, and he went to Wilna to consult the physicians. They told him that he must live in a country where the climate is mild, and suggested Italy, but he chose the Holy Land the climate of which is as mild as that of Italy.

Being already known as one of the most famous scholars of Lithuania, the leading Jews of Wilna, who were also in charge of affairs in Jerusalem, appointed him as a מורה הוראה to the city of Jerusalem, and he set out immdiately for the Holy Land.

After wandering for weeks, he, his wife, and his only son reached Constantinople in the year 5600, and intended to continue the voyage, but were com pelled to stop there, temporarily, on account of the rebellion that broke out in Palestine.

While staying in Constantinople, he became acquainted with the most famous of Jew-

זאמען אין סלאנט, איז זיי צוגעקומען נאך איין יונגער חבר ר׳ אלי׳ ז״ל, וועלכער איז שפעטער געווען בעוואוסט אלס דער גאון ר׳ אלי׳ קראטינגער ז״ל, וועלכער איז שפעטער געווען איין באנקיער, ביי נאכט פלעגט ער לערנען און ביי טאג געטהאן מסחר 1).

אין יאהר תקצ״ט איז דער חסיד ר׳ יוסף זונדל סאלאנטער זצ״ל זיע״א אוועק געפאהרען נאך ארץ ישראל און האט זיך באזעצט אין עה״ק ירושלם תובב״א, און איז פון דער דארטיגער קהלה אויפגענומען געווארען פאר ראש אב בית־דין פון דער הייליגער שטאדט ירושלם.

אין דעם זעלבען יאהר, תקצ״ט, איז דער גאון ר׳ שמואל ז״ל קראנק געווארען אויף די לונגען און איז אוועק געפאהרען נאך ווילנא זיך צו היילען ביי די דארטיגע דאקטוירים. די דאקטוירים האבען איהם געראטהען אז ער מוז פאהרען נאך די ווארימע לענדער, נאך איטאליע, אזוי האט דער גרש״ם בעסער אויסגעקליבען ארץ ישראל, וואס איהר קלימאט איז אויך זעהר א ווארימער. און וויל שוין דאן איז ער בעוואוסט געווען אלס איינער פון די גדולי ליטא און עס האט מיט איהם געשם׳ט האבען די גאונים און מנהלים פון ווילנא איהם אויפגענומען אלס „מורה הוראה“ פון עה״ק ירושלם תובב״א. דאן איז ער צוזאמען מיט זיין פרוי ווי זיין בן־יחיד מוה״ר בנימין בייניש סלאנט אוועק געפאהרען נאך ארץ ישראל.

1) זעה תולדות הגאון ר. אלי׳ קראטינגער זצ״ל זיע״א.

ish philantropists, Moses Montefiore, who came there about the ritual murder of which the Jews of Damascus were accused, known as the עלילת דם בדמשק. Sir Montefiore soon learned to appreciate the wisdom of the then still young Rabbi Samuel and thereafter, Sir Montefiore did not do anything of importance without the consent of Rabbi Salant.

Rabbi Salant and Sir Montefiore became acquainted while praying in the same synagogue, with Rabbi Salant and his companion, the aged scholar Rabbi Moses Rivlen known as המגיד משקלאוו

He began to inquire about them, and was told that they are scholars of very high standing, and are on their way to the Holy Land. His interest in them became still greater. In the meantime the holiday Succoth came and Sir Montefiore invited the distinguished sojourners to his tent and a great friendship arose.

When Sir Montefiore visited Jerusalem for the second time, in the year 5617, he paid a visit

נאך א רייזע פון איינינע וואכען ווי עס האבען געפאדערט די אומשטענדען ביי יענער צייט איז הגרש״ם אנגעקומען אין קאנסטאנטינאפאל אין יאהר ת״ר, און ער האט געדיינקט גלייך ווייטער צו פאהרען, נור צוליעב דער רעוואלוציאן וועלכע האט דאן אויסגעבראכען אין פאלעסטינא און וועלכע איז אנגעפיהרט געווארען פון דעם כעדיוו, דער קעניג פון עגיפטען, איז עס אונמעגליך געוועזן צו קריעגען א שיף, וואס זאל זיי ברענגען נאך ארץ ישראל, זא האבען זיי געגען זייער ווילען געמוזט פערבלייבען אין קאנסטאנטינאפאל און איבערווארטען ביז די מהומה וועט פאריבער, און דאן קענען זייער רייזע פארטזעצען.

אין דערזעלבער צייט איז נאך קאנסטאנטינאפאל אנגעקומען דער בעוואוסטער אידישער פילאנטראפ און צדיק כ״ו משה מאנטיפיארי ז״ל, צוליעב דעם בלבול וואס איז בעוואוסט מיט דעם נאמען „עלילת דם בדמשק“. דארט האט זיך דער בעריהמטער שר מאנטיפיארי באקענט מיט דעם גרש״ם ז״ל, און זיין ליעבשאפט און פריינדשאפט איז ביי איהם אזוי שטארק איינגעוואקסען געווען, א זיין גאנצען לעבען האט דער שר מאנטיפיארי קיין וויכטיגע זאך ניט געטהאן אהן דער צושטימונג פון הגרש״ם ז״ל.

זייער בעקאנטשאפט איז ארויסגעקומען דורך א צופאל: דער שר מאנטיפיארי האט געדאווענט אין דערזעלבער שוהל אין וועלכע עס האט אויך הגרש״ם געדאווענט מיט זיינע בעגלייטער, צווישען וועלכע עס איז אויך געווען הרה״ג הישיש הדרשן רבי משה רבלין ז״ל, בעוואוסט אונטער דעם נאמען „שקלאווער מגיד“.—

משה מאָנטיפיאָרי זעהענדיג די אורחים האָט ער זיך נאָכגעפרעגט און דערקונדיגט ווער זיי זיינען, און אז ער איז געוואָהר געוואָרען אז זיי זיינען גרויסע און חשוב'ע לייט וועלכע פאָהרען נאָך ארץ ישראל איז ער אין זיי נאָך מעהר פאראינטערעסירט געוואָרען.

אונטערדעססען איז אָנגעקומען דער יום טוב סכות, האָט דער שר מאָנטיפיאָרי איינגעלאדען די זעהר חשוב'ע אורחים אז זיי זאָלען קומען צו איהם אין דער נאכט פון הושענא רבה אין זיין סכה וועלכע איז געווען אין דער הויז פון דעם גביר קומאנדו, אום דאָרט אָפצוריכטען סדר „תקון ליל הושענא רבה" בצבור. די אורחים האָבען די איינלאדונג אָנגענומען, און דער שר מיט זיין פרוי האָבען זיך זעהר געפרעהט וואָס זיי זיינען געקומען. און די פרוי ליידי יהודית מאנטעפיאָרע נ"ע האָט זיי אליין באדיענט און דערלאנגט כבוד זאָגענדיג זיי אָט מיט די ווערטער: איהר מעגט דאָס עסען עס איז כשר, איך אליין בין געשטאנען ווען מען האָט עס געמאכט און האָב גוט אכטונג געגעבען אז עס זאָל זיין כשר.

ווען עס איז שוין געוואָרען שפעט אין דער נאכט און דער שר ז"ל וועלכער איז זיך געזעסען אָנגעשפארט אויף זיין פאטעל (שטוהל) האָט אָנגעהויבען שטארק צו שלעפערען, אזוי האָט ער געהייסען מען זאָל פרעגען ביי הר"מ רבלין ז"ל צ ער קען געפינען א היתר אז ער זאָל מעגע א ביסעל איינשלאָפען. און געפרעגט האָט ער ביי הר"מ רבלין ז"ל ווייל זיין אויסזעהן מיט זיין שעהנער זילבער ווייסע באָרד האָט געהאט דעם אויסזעהן ווי איין מלאך ד' צבאות, אָבער הר"מ ריבלין ז"ל

to Rabbi Salant and presented him with a silver cup, very artistically engraved, at one side of which a poem was inscribed, the concluding words being, "A present from Sir Montefiore to his **best** friend Rabbi Salant." The cup is still to be seen at the archives of the "Hilfsverein" in Berlin.

When Sir Montefiore went to visit the city of Hebron and the tombs of the Patriarchs there מ ע ר ת ה מ כ פ ל ה he invited Rabbi Samuel to go with him. Coming there, the governor of the city gave a reception in his honor and at that official gathering, Sir Montefiore demonstrated to those assembled, his great love and admiration for Chief Rabbi Samuel **Salant.**

This caused him to be thereafter respected by the officals of the Turkish Government and to this may be largely attributed his remarkable success in conducting the Jewish Community in Jerusalem, when he was its acknowledged head. This also helped him to obtain from the government recognition for the Ashkenasim as an independent Jewish Community.

At that time, the Ashkenasim and Sephardim 1) were at odds because of the trouble with the slaughter house.

The essence of the question was this: There are some differences of opinion among the Talmudical interpreters and commentaries concerning the process of killing cattle for Boser Kosher. At the head of these two groups of interpreters were Rabbi Carou and Rabbi Iserleish. The Sphardim follow the former, while the Ashkenazim follow the latter.

When the Ashkenasim took up the question of opening a separate slaughter-house, they were confronted with the problem of how to dispose of the Boser Trefa. Of course, they could sell it to the Mohammedan population, but the Mohammedan would not use any meat that was killed

1) We want to call the attention of the reader that whenever we mention the word "Sphardim,' we refer to those Jews who live in Spain and are still speaking Spanish dialect, while the word "Ashkenazim" refers to all Yiddish speaking Jews.

האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערע אויף זאַ איין שאלה, און איז געווען אין א גרויס פערלעגענהייט.

אום ארויסצוגעהן פון זיין פארלעגענ הייט האָט ער געענטפערט: איך פאָהר נאָך ירושלם, די שטאָדט אויף וועלכע אונ זערע חכמים האָבען געזאָגט (שלא פסק אנשי אמנה מקרבה אף בהשמה) עס האָ בען ניט אויפגעהערט זיך צו געפינען אי איהר מענשען וועלכע זאָגען נאָר אמו אויך אין דער צייט ווען זי איז שוין חרוב געוואָרען". דעריבער וועל איך אייך זאָ גען דעם אמת אז דער גרש"ם וועלכער איז איינגער פון מיר קען מעהר לערנען פאר מיר, און נאָר ער קען געבען א ריכ טיגען ענטפער אויף אייער שאלה, ווייל ער איז אין דער ווירקליכקייט א גרויסער חכם.

דאן האָט זיך דער שר מאנטיפיאָרע ז"ל געווענדעט מיט זיין פראגע צו דעם גרש"ם ז"ל, און זיין ענטפער איז געווען: אזוי ווי דער שר ז"ל האָט גורם געווען אז זיי זאָלען זאָגען „תקון ליל הושענה רבה" בצבור, און ווען ניט דער שר וואָל טען זיי זיך ניט צונויפגעקליבען צוזאמען, ווייל זיי זיינען דאָ פרעמדע און זיי האָבען אויך קיין פלאטץ ניט געהאט ווי זיך צו זאמען צוקומען. דער זכות פון דער מצוה איז גענוג צו בעשיצען דעם שר ז"ל אז ער זאָל שלאָפען אביסעל, און השי"ת זאָל עס איהם ניט רעכענען פאר איין חטא ח"ו. דאן האָט דער שר געפרעגט הן ה' מלא כל הארץ כבודו, גאָטט'ס רוהם איז פול די גאנצע וועלט, אלזאָ וואָס איז דער אונטערשיעד צו מען דיענט איהם בצבור אָדער צו מען דיענט איהם ביחידות? אזוי האָט הגרש"ם ז"ל איהם דערמאָנט

by a decendant of Abraham. Since the Ashkenasim were new settlers, the Mohammedans did not know whether they are Jews or not.

The Sphardim refused to testify to that effect, for they feared the material loss which a separate slaughter-house will cause them.

The question finally came up before the Caddi (the chief Mohammedan authority on matters of religion). Here an opportunity presented itself for Rabbi Samuel to demonstrate his wisdom and skill. He argued before the Caddi that since inter-marriage is strictly forbidden among Jews, the best way to ascertain whether the Ashkenasim are Jews or not is to see whether the Sphardim marry with the Ashkenazim or not.

The Cadie realized from this argument that the Ashkenasim are, indeed, real Jews and gave them permission to run their own slaughter-house.

דעם פסוק „ברוב עם הדרת מלך“ און ווי אונזערע חז״ל האבען געזאגט „כל בי עשרה שכינתא שריי“. דאס מיינט אז עס איז א גרעסערע מצוה צו דינען השי״ת בצבור ווי ביחידות.

דער ענטפער פון הגרש״ס, זיין זיסער ריינער אויסשפראך און זיינע הייליגע ליכטיגע אויגען ז״ל, האבען בעצויבערט דעם שר ז״ל און איהם געוואונען פאר א פריינד, דאס כל זמן דער שר מאנטיפיאַ־רע האט געלעבט האט ער קיין וויכטיגע זאך ניט געטהאן בעפאר ער האט געהאט די צושטימונג פון דעם גרש״ס ז״ל.

אין דעם יאהר תרי״ז ווען דער שר ז״ל האט נאך א מאל בעזוכט ירושלם תוב״א, האט ער בעזוכט דעם גרש״ס ז״ל און האט איהם געגעבען איין מתנה איין גרוי־סען זילבערנעם בעכער אויף וועלכען עס איז אויסגעקריצט קונסט ארבייט איין גאנצער שיר, און צום ענדע איז אויסגע־קריצט די ווערטער: איין פרעזענט פון סיר משה מאנטיפיארע צו זיין בעסטען פריינד ר׳ שמואל סלאנט. (דער בעכער געפינט זיך יעצט אין דער טרעזשורי פון דער סאסייעטי „עזרה“ אין בערלין.)

און דאן ווען ער איז געפאהרען נאך דער הייליגער שטאדט חברון ת״ו צו בע־זוכען די „מערת המכפלה“ וואו עס זיינען בעהאלטען אונזערע הייליגע אבות, האט ער איינגעלאדען דעם גאון רש״ס ז״ל צו פאהרען מיט איהם, און ווען זיי זיינען געווען אין חברון איז דער גאווערנאר (פאשא) פון ירושלם, אין דער בעגלייטונג פון די אנגעזעהנסטע און גרעסטע לייטע פון דער רעגירונג געקומען בעזוכען דעם שר ז״ל. אויך זיינען דאן געווען פיעלע נכבדים פון דער אידישער געמיינדע ביי

In the month of Shevat of that year, Rabbi Samuel and his companions succeeded in getting a ship for Beirouth, Syria, and from there they sailed for Jaffe on a sailing vessel 1).

In the month Ador of the year 5601, the whole party arrived at Jerusalem.

The Ashkenasim Community at that time was a very small one. It consisted of about 500 souls. Their spiritual guides there were Rabbi Joseph Sundel Salanter and Rabbi Isaia Bardaky. All of them belonged to one group Kallel, as it is

1) The governor of Jerusalem while one visiting Chief Rabb Samuel Salant asked hm to stat and describe the relationship be tween the Mohammedans and th Jews. Rabbi Samuel Salant ans wered that they look upon eacl other as two men sailing in th same sailing vessel.

Then governor then asked for further expanation of this state ment and Rabbi Samuel explained that the fact that two men saliing on the sailing vessel, usually become great friends, is due to the common unease, fear and sufferings which they both undergo at the same time, and this unites then

דעם שר אין הויז, אַזוי האָט דער שר ז״ל געהאַלטען איין רעדע אין וועלכע ער האָט צווישען אַנדערעס געזאָגט: פון נאַטור בין איך אַ מענשען־פריינד, מעג ער זיין פון וועלכען גלויבען ער איז; אָבער פון דעם אמת ניט אַוועק צו געהן מוז איך צו געבען אַז די מענשען פון מיין אייגען פאָלק ליעב איך מעהר ווי די מענשען פון וועלכע עס איז אַנדער פאָלק, דאָס איז אַ נאַטור וואָס איז געבוירען מיט יעדען מענשען אונטער גאָט׳ס הימעל. אָבער דיעזען וואונדערליכען געלעהרענטען מאַן רבי שמואל סלאַנט האָב איך ליעבער פון אַלע מיינע ברידער וועלכע זיינען מיר אַזוי טהייער און ליעב.

זייט דאַן איז דער כבוד פון רבי שמואל סלאַנט געוואָרען זעהר גרויס ביי דעם גאָווערנאָר פון ירושלם און ביי אַלע גרויסע לייטע פון דער רעגיערונג, און זיי האָבען איהם רעספעקטירט און האָבען אַנגעווענדעט אַלע מעגליכקייטען שטענדיג צו טהאָן זיין רצון. דאָס איז געווען דיא אורזאַך וואָס האָט געהאָלפען דער אשכנזישער געמיינדע אַז זי זאָל אַנערקענט ווערען פון דער טירקישער רעגיערונג אַלס אידען בני אברהם אבינו עה״ש.

צו יענער צייט האָבען דיא אשכנזים פיעל געליטען פון די ספרדים׳שע 1) אי־

1) מיר מאַכען אויפמערקזאַם דעם ווערטהען לעזער, אַז ווען מיר דערמאָהנען דאָ „ספרדים״ מיינען מיר ניט די חסידים, נאָר די אידען, וואָס זייער אָבשטאַמונג איז פון שפאַניען און פאָרטוגאַל. אָט די אידען ווי אַלע אַנדערע אידען פון די פאַרשיעדענע לענדער, וועלכע רעדען נישט אונזער אידישע שפּראַך, ווערען אין ארץ ישראל אַזוי גוט ווי

commonly called. The leading orthodox Jews in Wilna, Russia, acted as their executors and guardians. They supported them financially and morally. To those Wilna-Jews the Ashkenasim of Jerusalem applied for an energetic religious and spiritual leader. Rabbi Samuel held the title and office of Chief Rabbi since then of the Ahkenasim Community in Jerusalem throughout his life till the end of the year 5669. We, as Jews, believe that one who is especially favored by Heaven can succeed to hold such an important and responsible position for such a long time continuously.

This, if nothing else proves to us the greatness of this man. Even when Rabbi Meir Auerbach, Rabbi of Kalish, Poland came to Jerusalem and became the head of the בית דין

---

and makes them feel that they have something in common. The same is true, Rabbi Salant continued, of the Jews and the Mohammedans. Both were treated miserably by Mediaeval Christendom in Spain. This, he said, is what makes them look upon one another as brothers.

דען אין ירושלים, דען דאן איז אין ירושלים געוועזן בלויז איין שלאכט־הויז און ווייל דיא „ספרדים" (שפאניער וועלכע זיינע די גולי ספרד און פארטוגאל) געהען נאך די שיטה פון דעם בית יוסף מוהר"י קאר ז"ל, און די אשכנזים וועלכע זיינען ד גולי אשכנז געהען נאך דיא שיטה פו דעם רמ"א ז"ל וועלכער איז אין פיע זאכען מעהר מחמיר ווי דער בית יוסף ז"ל, און אויך ווייל די חו"ר (חכמים ורבנים, פארשטעהער) פון די ספרדים האבען ניט גוט בעהאנדעלט די אשכנזים און זיי האבען געהאט זעהר פיעל אויסצר־שטעהן פון זיי, דארום האבען די אשכנזים זעהר געוואלט זיך אבטהיילען פון ד ספרדים און מאכען א בעזונדער שלאכט הויז פאר זיך אליין. איז אבער געווען ד פראגע: וואס זאלען זיי טהאן מיט ד טרפה פלייש? וואו זאלען זיי עם אהין טהאן און וואו זאלען זיי עם אויסבריינ־גען? זאלען זיי עם פערקויפען ד מחמדנים (טערקען)? איז אבער דא א געזעטץ ביי די מחמדנים אז זיי טהארען ניט עסען פון קיין פלייש וואס עם איז ניט גע'שחט'ען געווארען אדער פון א

אין גאנצען אריענט, גערופען מיט דעם אל־געמיינעם נאמען „ספרדים" אדער „ספרד". אנשטאט וואס די אידען, וועלכע זייער אב־שטאמונג איז פון אשכנז און פון אלע אנדע־רע לענדער, וועלכע בענוצען זיך מיט אונ־זער געוועהנליכער אידישער שפראך, ווערען גערופען „אשכנזים" אדער „אשכנז". — וואס עם אנבעלאנגט אין אידישקייט, איז די אשכנזים זיינען זיך נוהג ווי דער רמ"א און די ספרדים ווי דער „מחבר".

Rabbi Samuel maintained his position and good reputation as the head of the Jewish Tribunal רב ומו״ץ , in fact, both lived in peace and jointly led the Jewish Community of the Holy City 1).

Because Rabbi Auerbach

---

1) Discussions usually arose between the Rabbi Samuel and the Kalisher Rabbi. The one who was to judge them was Rabbi Moishe Leib Kutner
He would listen to them and then give his decision as to who is right in the discussion.

One day while they were dis cussing a topic, the Kalisher Rabb refused to go to the Kutner Rabbi giving his reason that the Rabb always seems to agree with Rabbi Salant. Rabbi Salant thought of an idea, and said.

"You will argue my argument, and I will argue yours, and we wll see with whom the Rabbi will agree.

After the Kutner Rabbi listened to their arguments he said,

"This time the Kalisher Rabbi seems to be right, but I am surprised to hear that Rabbi Samuel has changed his mind so suddenly.

Rabbi Salant kept quiet, but the Kalisner Rabbi smiled and told him the whole story.

ישמעאלי, ווייל זיי האָבען אויך א סאָרט ברכה ביי דער שחיטה, אָדער די שחיטה מוז לכל הפחות זיין פון א אידען, א בן אברהם אבינו עה״ש.

"Whenever we request a blessing from our priest, we usually give them a present" replied the consul general.

I never accept any payment for a blessing," replied Rabbi Salant, "especially when you promise to do favors to my brethren, the Jews, but to show you how much I hold dear your honor, I will accept your present for the Talmud Torah, Jeshivah Etz Chaim, which is going to buy a plot for a proposed new building and your name will be entered in the book of the Jeshivah, as the first donor for this noble cause.

His salary used to be at first only one rubel per week, but when Rabbi Owerbach of Kalish arrived in Jerusalem to officiate, Rabbi Salant resolved to give him 10 franks per week and also took himself 10 franks a week.

Later, however, when Rabbi Diskin of Brisk arrived, and

האָט ער גענומען איין טאנאזע (דאָן פלעגט מען אין עיה"ק ירושלים האלטען ווייז אין ערדענע כלים ,טאנאזעס) פון זיינע בעסטע וויין (איין טאנאזע האלט 101 ליטערס) און האָט דאָס מקדיש גע־ווען פיר דעם גרש"ם און האָט אָנגעזאָגט אַז קיינער זאָל ניט נוצען די וויין און יעדען יאָהר אין דעם טאָג וואָס זיין זוהן ר׳ יהושע יעלין איז געבאָרען גע־וואָרען פלעגט ער ברענגען איין באָטעל וויין צום דעם גרש"ם ז"ל פיר א מתנה און בעפאָר ער איז נפטר געוואָרען האָט ער אָנגעזאָגט זיין זוהן ר׳ יהושע ער זאָל אויך אזוי טאָן און די לעצטע באָטעל וויין וואָס ר׳ יהושע יעלין האָט געבראכט צום זיידען דעם גרש"ם ז"ל איז אלט געווען 64 יאָהר.

צוויי יאָהר בעפאָר דער גרש"ם איז נפטר געוואָרען, איז אין א פרייטאָג, דער בעוואוסטער משכיל ר׳ דוד יעלין נ"י דער זוהן פון ר׳ יהושע יעלין, געקומען צו מיין פאָטער הרה"צ סלאנט שליט"א מיט א וואָגען און איהם געבעטען אז ער זאָל מיט איהם פאָהרען צום זיידען ז"ל, איהם נעהמען ער זאָל זיין דער מסדר קדושין ביי זיין שוועסטער, וועלכע איז די טאָכטער פון ר׳ יהושע יעלין.

אזוי האָט איהם מיין פאָטער שיחי׳ געזאָגט: איהר ווייסט דאָך אז דער זיי־דע איז שוין שוואַך און עס איז איהם שווער דער פאָהרען. האָט אָבער ר׳ דוד יעלין איהם געענטפערט, אז דער גרש"ם וועט געווים פאָהרען, ווייל ער איז עס אייגענטליך מחויב צו טהאָן, ווייל ער האָט עס מבטיח געווען צו זיין זיידען ר׳ דוד לאָמזער ז"ל. און אזוי איז אויך גע־

וועז. דער גרש״ם איז טאקע געפאָהרען און איז געוועז דער מסדר קדושין.

עס איז זעלבסטפערשטענדליך אז די געשיכטע האָט אויפגרודערט די שטאָדט: ר׳ שמואל איז א „גוטער איד״· האָט דער גרש״ם דאן געזאָגט אז ער האָט זיך געשטיצט מיט זיין ברכה אויף דער דעה פון דעם גאון „נודע ביהודה״. ווייל ער האָט געהערט אז די פרוי איז געוועז געפעהרליך קראַנק *).

פון דער געשיכטע איז צו זעהן די גרויסקייט פון גרש״ם צוזאַמען מיט זיין ענוות, ווי ער האָט אָנגעווענדעט אַלע מעגליכקייטען, מען זאָל פון איהם ניט האַלטען.

גליך ווי דער גרש״ם איז געקומען אין ירושלים, האָט דער זיידע הגאון החסיד רבי יוסף זונדל סלאנט זצ״ל, וועלכער איז דאַן געוועז דער מורה הוראה אין ירושלים, געזאָגט אַזוי ווי דער גרש״ם (ער איז דאַן געוועז זיין איידעם) קען מעהר לערנען פאַר מיר, איז ניט מעהר ווי רעכט אז ער זאָל זיין דער מורה הוראה. און דאַריבער פלעגט ער אָבשיקען צו דעם גרש״ם אַלע וועלכע פלעגע קומען צו איהם מיט א שאלה, און אַזוי ווי דער גרש״ם ז״ל ווי אויך דער חסיד ריז״ם ז״ל האָבעןביידע געוואָהנט אין איין חצר, נעמליך אין דער חורבת רבי יהודה החסיד, און ווען מען פלעגט געהן צו דעם גרש״ם פלעגט מען דאַרפען פערבייגעהן די וואָהנונג פון חסיד ז״ל, אַזוי פלעגט דער חסיד וואַרטען אין פראָנט פון זיין טהיר און אַכטונג געבען אויף די וואָס פלעגען געהן פרעגען א שאלה

*) עיין נודע ביהודה סימן ס״ט.

Rabbi Salant found out that he cannot get along on 10 franks a week, he raised him to 100 franks per month, and raised himself to the same amount.

When he brought to Jerusalem the famous Rabbi Elliau David Rabinowitz to be Rabbi in Jerusalem, he fixed his salary as 100 rubles per month, and himself took 45 rubles per month. He did not have any other sources of income, because he did not accept any reward for officiating at a marriage ceremony or a separation, even from the very rich residents.

When Pinchus Nimiski, one of the richest of Jerusalem's citizens, who came from Uman and married in Jerusalem, sent Rabbi Salant a present of 100 rubles on his mariage, the Rabbi said to the messenger and trusted man of Mr. Nimiski: "when I would not have known that Mr. Nimiski is a great philanthropist, I would not have accepted the present, but

ביי דעם גרש"ם און זיך ערקונדיגען ביי זיי ווי האָט דער גאון רש"ם גע׳פסק׳־ענט.

(דער גרש"ם האָט זיך אויך אזוי נוהג געווען אין די ערשטע צייט ווען ער האָט געבראַכט דעם גאון האדר"ת תאומים ז"ל (מירער רב) פאַר איין רב אין ירושלים). און עס זיינען פאָרגעקומען איינינגע שאלות, וועלכע דער חסיד ר׳ זונדל סלאַנטער זצ"ל האָט ניט מסכים געווען ווי דער גרש"ם האָט גע׳פסק׳ענט, אָבער נאָכהער ווי ער האָט זיך דורכגע־רעדט וועגען דער שאלה מיט דעם גרש"ם האָט דער גרש"ם איהם אָנגעוויזען, אז ער האָט גע׳פסק׳ענט ריכטיג ווי דער דין איז און דער חסיד הריז"ם האָט מסכים געווען אז ער האָט רעכט. דער גרש"ם איז געווען בעוואוסט אלס דער גרעסטער פוסק אין הוראה פון זיין צייט.

דער גרש"ם האָט געגרינדעט אין יאָהר תר"א די תלמוד תורה און שפּע־טער די ישיבת עץ חיים און דעם בקור חולים האָספּיטאַל, וועלכע זיינען בע־וואוסט מיט דעם נאָמען ת"ת וב"ח, און ער איז געווען דער נשיא פון זיי ביז דעם לעצטען טאָג פון זיין לעבען, און ער האָט זוכה געווען אז נאָך אין זיין צייט האָבען אין דער תלמוד תורה גע־לערענט אן ערך פון טויזענד קינדער כ"י און די ישיבת עץ חיים האָט געהאַט איבער צוויי הונדערט תלמידי חכמים כן ירבו. אויך האָט ער זוכה געווען צו דערלעבען די גרינדונג פון בית התבשיל וועלכער גיט צו די אָרימע קינדער וועל־כע לערנען אין דער תלמוד תורה דינערס פריי, און דער בקור חולים האָספּיטאַל איז געוואָרען דער גרעסטער האָספּיטאַל אין

since Iknow him to be a true philanthropist, I invite you all to sit down and make up a list of all the needy scholars among whom we will distribute this offering.

When another rich man, Moses Wittenberg, arrived in Jerusalem, and upon his arrival sent the Rabbi a present of 300 franks, Rabbi Salant sent the money back with the same messenger.

Then Mr. Wittenberg came to the Rabbi and remonstrated with him why he shamed him by not acceting his present. Rabbi Salant answered, "I must take care of my own honor and therefore I did not accept the money."

"Why did you accept presents from me when I was not a permanent resident of Palestine?" asked further Mr. Wittenberg.

"Since you are a resident of Jerusalem, I am sure that you

will come to me for counsel, replied Rabbi Salant, and then you will be sure that I am not getting any bribes from you."

When Sir Samuel Montague visited Jerusalem, he also paid a visit to Rabbi Salant and Rabbi Auerbach. After the visit Rabbi Salant said to Rabbi Auerbach that he feels, Sir Samuel Montague is not a friend of Jeusalem.

A few days later, a messenger from Sir Montague arrived with a silver cup and 300 franks as a present for Rabbi Salant. Rabbi Salant, however, did not accept the present adn sent it back with the same messenger. He then went himself to Rabbi Auerbach and told him that he did not accept Sir Montague's present because he feels that Sir Montague is concealing his true opinions from him. When Sir Montague would not have occupied such an important position, he continued, he would have examined him, but since Sir Montague

ארץ ישראל, און פון אלע שטעדט און קאלאניעס אין ארץ ישראל קומען אומגליקליכע קראנקע וועלכע ווערען דארטען קורירט און אלע אומזאנסט, אהנע געלד.

ער האט אויך געגרינדעט דעם בעריהמטען בית החסד, בעוואוסט מיט דעם נאמען „בית ועד הכללי כנסת ישראל" לעלו"נ רבי מאיר בעל הנס זיע"א, וועלכער פעראייניגט אלע אידען אין גאנץ ארץ ישראל פון די הייליגע שטעדט ירושלים, חברון, צפת און טבריה א. ז. וו. און וועלכער איז דער בעשיצער פון דעם גאנצען ישוב אין ארץ ישראל.

ער האט זוכה געווען, אז אין זיין צייט האט דער זעלבער ועד הכללי אויפגעבויט מעהר פון הונדערט הייזער וועלכע זיינען הקדש פאר דער שטאדט און וועלכע ווערען געגעבען אלע דריי יאהר פאר ארימע תלמידי חכמים, זקנים וזקנות, אלמנות און יתומים, צו וואהנען אומזאנסט.

נאך ביי זיין לעבען האט דער זעלבער ועד הכללי געגרינדעט אויף זיין נאמען דעם „אוצר החסד קרן שמואל", וועלכער איז א גמילת חסד, צו פערלייען געלד אהנע אינטערעסט און די געלד איז א „קרן קימת", און כמעט אלע וויכטיגע בתי חסד אין ירושלים האט ער געהאלפען גרינדען און אויסהאלטען, און ביז זיינע לעצטע מינוטען האט ער זיך משתדל געווען פאר גאנץ ארץ ישראל בכלל און פאר ירושלים בפרט. נאר מעהר פון אלע האט ער זיך שטענדיג משתדל געווען פאר פאלגענדע בתי חסד, וועלכע זיינען געווען

זיינע ליעבלינגע: בית ועד הכללי כנסת ישראל און ת"ת וב"ח. און זאָגאַר ווען אין יאָהר תרס"ו האָט הרב הגאון ר' שאול קאַצענעלבויגען שליט"א קריטיקירט די מנהלים פון די בתי החסד אין ירושלים דערפאַר וואָס זיי זיינען מטריח דעם גאון הרש"ם אין עוסק זיין זיך פאַר טובת הכלל צו זיין הויכען עלטער האָט ער איהם געענטפערט פאָלגענדען בריעף:

הנני אי"ש למעלת כבוד הרב הגאון המפורסם מה"ו שאול קאַצענעל־בויגען שי', הרב בשילעל יע"א.

בצירוף להתודה אשר ירחש לו לבבי על מעשיו הטובים למוסדי הצבור „בית ת"ת דתשב"ר הכללי וישיבת עץ חיים הגדולה", הנני להשיב לו על מכתבו מיום כ"א אדר החולף, אשר בו מבקר את הטרחות שמטריחים אותי במכתבים ושלוח כספים ביחוד להת"ת והישיבה הנז', כי הלואי יתן ה' שכל הני טרחייא יואילו נא להטריחני כל הימים, ואם חביבים עלי כל הטפולים הנוגעים לקיום הישוב הקדוש, חבה יתרה נודעת לי להטפיל להת"ת הכללי והישיבה הרוממה עץ חיים, את המוסד הצבורי הזה זכיתי בעזה"י בבואי לירושלים בשנת תר"א לזרוע את גרעינו יחד את גאוני קדמאי נ"ע, ובשנת תרט"ו זכינו לשכלל את הת"ת ולאחדה עם הישיבה הקד' וקראנו להם בשם „עץ חיים" וכל הימים והשנים טפחנום ורבות עמלנו עליהם עד אשר זכינו בעזה"י לראותם בגרם המעלה שהנם תפארת ציון וירושלים, עמודי התורה ומעוזי הדת בארה"ק, ואחרי אשר רוב ימי ושנותי היו הם שעשועי נפשי, גם היום אף ככחי אז

occupies such an important position he does not dare to do that. He advised the Rabbi to return his presents also. Rabbi Auerbach, however, replied that he sees no reason why he should return to Sir Montague the presents.

When Sir Montague returned to London he wrote an article in the "Jewish Chronicle" in which he insulted the residents of Jerusalem and particularly the Rabbies who accept bribes, and thereby stated the case of Rabbi Auerbach, who accepted a present from him. Rabbi Salant, he continued, did not accept his present, because he felt insulted, that he, the chief Rabbi, should get a present of the same value, as his inferior.

This slander, however, was answered in the same Jewish Chronisle by the famous Sir Moses Montefiore:

"I don't see why Rabbi Auerbach did wrong in accepting a present, and why Rabbi

Salant is not justified in not accepting the present.

I am sending the Rabbies presents since a very long time and they are always received with thanks.

I am quite sure you know the reason why Rabbi Salant did not accept your present," the statement continued. "It is because Rabbi Salant, besides being a learned man, is also a worldly-wise man, and understood that you are an enemy of Palestine, and he did not therefore accept your present.

This very day I will send Rabbi Salant a present of 400 franks to make good the loss that he suffered in not accepting your present, and you will see that he will accept it, because he knows that whatever I send him is done with the joyous satisfaction that it is a blessing to God to be able to send him presents and have him accept them.

You were giving them presents, however, anly to be able to slander them afterwards."

אין עוד כחי עתה, אין לי שעשוע אחר בלתי לדברים כאלה, והנני נתון בעז"ה אל מוסדי הצבור הק' כפי מעוט יכלתי, וכל עוד אשר יחנני הי"ש לחיות פה עלי אדמות אתפלל אליו שיזכני להתענג על קול הבל התשב"ר וקול חכמי הישיבה ההולך ובוקע באזני בחצר ריה"ח זלה"ה וכל זמן שהנשמה בקרבי בחסדי הי"ש ויתן לי כח וחיל לטרוח בקבלת מכתבים ותשובותיהם אזכה להתענג בתענוג זה, ואני מתפלל כי גם לאריו"ש (בעת שיעלה רצון הבי"ש) ולא אזכה עוד לאותה הקורת רוח יזכרו מוקירי את בקשותי הרבות והעושים והמעשים יתמכו נא את מוסדות הישוב הקדוש האלה ולא יעזבום ולא יטשום עד כי יזכו לראות בטוב ירושלים וישישו אתה משוש ויראו בנחמתה בב"א.

הבעה"ח י"א. אייר תרס"ו
ברש"ת וחותם בברכה
שמואל סלאנט
עה"ק ירושלים תובב"א.

און פאלגענדע צייל‌ען זיינען ארויס־גענומען פון איין לעטער פון דעם גרש"ם זצ"ל וועלכען ער האט געשריבען אין יאהר תרס"ב, צוזאמען מיט דעם גאון האדר"ת זצ"ל זיע"א.

„כל הגורם להמעיט הכנסת רמבעה"נ אפילו כל שהוא הרי הוא כאלו שופך דמים ונפשות הוא קובע וכל המתאמץ להגדילה אפילו בכל שהוא הרי הוא כמציל נפשות ומקיים עולם מלא, ויתברך מאת מקור הברכות ברחמים מרובים ואת והב בסופה".

Rabbi Salant, although he did not live richly and was satisfied with a very small salary, was yet interested with body and soul in Jerusalem. Day and night his house was open to the residents of Jerusalem, and he gave permission to anybody who thinks his case is important enough, to wake him up from his sleep. And he always got up, washed himself and aswered the question, never commenting afterwards that the case was not important enough.

He always had a smile fleeting on his lips, always talked calmly and never too loud, and was always worrying that perhaps somebody was punished becase of him.

It happened in 5620 that a group of people got together once and misused some charity funds. Rabbi Salant together with the other Rabbies of Jerusalem, as Rabbi Auerbach, the Kutner Rabbi, Rabbi Joseph Zundel Salant, sent for these persons and ordered them not to transgress any more.

כעתירת החותמים בברכה,
שמואל סלאנט
עה"ק ירושלים תובב"א·
אלי' דוד ראבינאוויץ תאומים
עה"ק ירושלים תובב"א·

40 יאָהר האָט ער געוואָהנט אין 2 קליינע חדרים און דאָרטען האָט ער עמפפאנגען אַלע וועלכע זיינען איהם געקומען בעזוכען צווישען וועלכע עס זיינען געוועזן גרויסע בעריהמטע לייטע, ווי סיר מאָנטעפיאָרי ז"ל, מאָנטאַגאָ, באַראָן עדמונד דע ראָטהשליד פון פאריז, דער גאָווערנער, די אַלע פאָרשטעהער פון דער טערקישער רעגירונג, אויך אלע קאָנסולען פון די אייראָפּאישע און אַמעריקאַנישע רעגירונגען.

דער רוסישער גענעראַל קאונסול יאַקאָבאַלעף, וועלכער איז געווען רוסישער גענעראַל קאנסול אין עיה"ק ירושלם תובב"א 20 יאָהר און איינער פון די פריינדע און פערעהרער פון דעם גרש"ם זצוק"ל פלעגט גאַנץ אָפט בעזוכען דעם גרש"ם ז"ל אין זיין הויז, ווען ער האָט געדאַרפט פערלאָזען ירושלים איז ער געקומען צו דעם גרש"ם אין בעגלייטונג פון זיין אידישען סעקרעטער מר אברהם סאלאמיאק בעטען ביי איהם א ברכה צו זיין נייע שטעלע וועלכע ער האָט בעקומען. זאָ האָט דער גרש"ם ז"ל זיך פערטראַכט און ניט געענטפערט גלייך. זאָ האָט דער גענעראל קונסול דורך זיין סעקרעטער איהם געפרעגט אין אידיש, וואָס האַלט אויף זיינע הייליגקייט איהם צו בענשען. זאָ האָט איהם דער גרש"ם געענטפערט, מיר ווילען וויסען וואָס איז די אורזאַכע ווארום ער פער־

These, however, did not come and the Rabbies then denounced them openly. Rabbi Salant however, did not take any part in the protest, because he said that it did not pay to protest since they did not want to obey at first, and because it is very expensive proceedings.

Later it happened that when Rabbi Salant was visiting Bialystock, in Russia, he met at the house of the Bialystock Rabbi one of the group. A dispute arose, and when Rabbi Salant explained to the Bialystock Rabbi about the affair, that man lost all his common sense and began to curse the Rabbies of Jerusalem.

Rabbi Salant then arose and said that he did not take part in the open protest against those people, not because he thought it was not the right thing to do, but because the expense of going to protest was just as great as the misused funds. The fact that they were his frends did not stand in the way of his protesting, because

לאזט ירושלים (דען איינינע מאל האט מען איהם פון דער רוסישער רעגירונג געגעבען בעסערע עמטער און ער האט אלעמאל אפעלירט מ׳זאל איהם לאזען אין עה״ק ירושלים תובב״א און מען פלעגט אלע מאל אננעהמען זיין ביטע און געזאגט האט ער דאן דעם גרש״ם ז״ל אז דעריבער וויל ער ניט פערלאזען עיה״ק ירושלים תובב״א, ווייל כל זמן איך בין אויף דיזען פאזישאן היער, קען איך גוטעס טהאן צו די אידען, אייערע גלויבענס־ברידער און זיין הייליגקייט דער גרש״ם זאל וויסען). זא האט איהם דער קאנסול געזאגט, אז ער מוז האבען צו זיין געזונד איין אנדער קלימאט. אויב אזוי, האט דער גרש״ם איהם געזאגט, קען מען דאך מתפלל זיין צו השי״ת, אז ער זאל זיין געזונד, און זא וועט ער קענען פערבלייבען אין עיה״ק ירושלים תובב״א. זא האט איהם דער קאנסול געפרעגט, ווארום ער וויל איהם ניט צוליעב טאן און בעטען פאר איהם, אז ער זאל בעגליקען אין זיין נייעם אמט. ווייל דו ביזט אן עהרליכער מאן און האסט ליעב מיינע גלויבענס־ברידער, דארום וויל איך, אז דו זאלסט פערבלייבען היער. זא האט דער קאנסול איהם געזאגט, עס טהוט איהם לייד, ער האט שוין דעם נייעם אמט אנגענומען, אבער ער זאגט איהם צו, אז וואו ער וועט זיין וועט ער שטענדיג גוטעס טהאן אידען, די גלויבענס־ברידער פון זיין פריינד דער גרש״ם זצוק״ל זיע״א. זא האט איהם דער דער גרש״ם ז״ל געבענשט, ער זאל מצליח זיין אין זיין נייעם אמט. און דאן האט דער גענעראל־קאנסול ארויסגענומען א גאלד־שטיק, ווערט 10 רובעל און דערלאנגט דעם גרש״ם. זא האט ער איהם

געפרעגט, וואס איז דאס? זא האט ער געזאגט, ער איז געוואוינט ווען ער בעט איין ברכה ביי די גייסטליכע גיבען מיר זיי איין פרעזענט. זא האט ער איהם געזאגט, מיר נעהמען ניט קיין געלד ביי קיינעם פאר איין ברכה און איבערהויפט ווען ער האט איהם צוגעזאגט צו טהאן גוטעס צו זיינע ברידער, דעם אידישען פאלק, וואו ער וועט זיין, נאר אום איהם צו ווייזען ווי טייער זיין עהרע איז ביי איהם וועט ער זיין מתנה אוועקגעבען צו די גבאים פון דער תלמוד תורה ישיבת עץ חיים, וועלכע געהען יעצט קויפען איין שטיק לאנד צו בויען דארט א נייעם בילדינג פאר די תלמוד תורה און עס וועט ווערען פערצייכענט אין דעם בוך פון דער בילדינג פון די ת"ת, אז דער גענעראל קאנסול יאקאבאלעף האט געגעבען די ערשטע נדבה פאר דיעזען צוועק.

זיין געהאלט פון דער געמיינדע איז געוועזן די ערשטע צייט נאר איין רובעל א וואך, נאר ווען דער גאון הר"מ אויערבאך ז"ל איז אנגעקומען אין עיה"ק ירושלים תובב"א, האט איהם דער גרש"ס ז"ל געשטעלט איין געהאלט פון 10 פראנק א וואך (3 רובעל). זא האט ער זיך אויך געשטעלט 10 פראנק א וואך. און שפעטער ווען דער גאון מוהרי"ל דיסקין ז"ל איז אנגעקומען און דער גרש"ס האט זיך דערוואוסט, אז זיין לאגע איז ניט גלענצענד, און אויף זיין פראגע צו זיינע גבאים וויפיעל דארף האבען איין פאמיליע פון צוויי פערזאן צו פיהרען איין בכבוד לעבען, האט מען איהם געזאגט 100 פראנק א מאנאט (איין ערך 40 רובעל). האט דער גרש"ס געשטעלט דעם בריסקער רב

he thought more of honesty more than of friendship. If one of the two was dishonest, Rabbi Salant wished him not to return alive to Jerusalem. That person died in Bialystock.

All the moneys intended for The Central Committe Knesseth Israel, the Talmud Torah, the Jeshivah Etz Chaim, The Bikur Cholim Hospital, and for private persons, were sent on his name, and the Rabbi delivered all such moneys to those, whom it was intended for, without hesitation.

Frequently, there arrived to the Rabbi letters writen in Hebrew, which contained the following: "I am sending you dear Rabbi 5 dollars, or 3 rubles, and I implore you to pray to God for me."

All such moneys Rabbi Salant gave away to the Talmud Torah, The Jeshivah Etz Chaim the Bikur Cholim Hospital, and the Central Committee Knessess Israel, and never took a cent of them for himself.

On the 20th day of Av, Rab-

bi Salant suffered an attack of influenza.

At first his illness was kept secret from the inhabitants of the city, being known only to members of his household, because they feared the terrible effect this would have on the people, and not even the students of the Yeshivah were aware of this. This however could not be kept a secret for a long time, because Rabbi Salant had many visitors. His family and the rabbies of the city wanted to exclude visitors from his house in order that he should be able to rest, but he protested and asked them all to stay.

Later on his private physician ordered that only a few people should be allowed to visit him, the rest had to be content with the statement that the Rabbi suffered from a slight fever. On the 23rd, however, no visitors were allowed to visit Rabbi Samuel's house at all, and the people understood that their Rabbi is in

100 פראנק א מאנאט און פון דאן האט
ער אויך גענומען 100 פראנק א מאנאט.
און ווען דער גרש"ם האט געבראכט אין
ירושלים דעם גאון ר' אלי דוד ראבינאוויץ
תאומים פאר רב אין ירושלים, האט ער
איהם בעשטימט איין געהאלט 100 רובעל
א מאנאט. דאן האט דער גרש"ם זיך
געשטעלט איין געהאלט פון 45 רובעל א
מאנאט. קיין אנדער הכנסה האט ער ניט
געהאט, דען די הכנסה פון מסדר קדושין
און גטין רח"ש און שלישית האט ער אליין
מבטל געווען, און ער פלעגט דאס אלעס
טהאן אומזיסט. און פון די איינוואהנער
פון דער הייליגער שטאדט, זאגאר די גאנ־
רייכע, פלעגט ער ניט אננעהמען קיינע
מתנות. איינער פון די איינוואהנער פון
ירושלים, דער בעריהמטער גביר און פי־
לאנטראפ ר' פנחס נימיסקי ז"ל פון אומאן
וועלכער איז געווען איין אלמן, ווען ער
איז געקומען אין ירושלים תובב"א, און
האט געהייראט אין ירושלים תובב"א,
האט געשיקט דעם גרש"ם ז"ל דעם טאג
פון זיין חופה איין מתנה 100 רובעל.
זא האט ער זיך אבגערופען צו דעם שליח.
וועלכער איז אויך געווען איינער פון די
בעגליבטע מענשען פון דעם גביר: ווען
איך וואלט ניט געוואוסט, אז דער גביר
איז איין נדיב, וואלט איך דאס געלד איהם
צוריק אבגעשיקט, נאר ווייל איך ווייס, אז
ער איז איין נדיב און איך וויל אבער דאס
געלד ניט נעהמען, זא קומט לאמיר זיך
אוועקזעצען און מאכען צוזאמען איין
רשימה פון ארימע תלמידי חכמים און
זיי צוטיילען די 100 רובעל, און אזוי
האבען זיי געטהאן און גלייך צוטיילט
דאס געלד.

אונ נאָך אַ גביר פון ירושלים, ר׳ משה וויטענבערג, ז״ל, גלייך ווי ער איז אָנגעקומען אין ירושלים האָט ער געשיקט דעם גרש״ם ז״ל איין מתנה 300 פראַנק. זאָ האָט איהם דער גרש״ם ז״ל גלייך אָבגעשיקט דאָס געלד מיט דעם אייגענעם שליח. וועלכער האָט איהם די מתנה געבראַכט. זאָ איז ר׳ משה וויטענבערג געקומען צו איהם און איהם געזאָגט, אַז ער פערשעמט איהם מיט דעם, וואָס ער נעהמט ניט אָן זיין מתנה, זאָ האָט איהם דער גרש״ם ז״ל געענטפערט: איך דאַרף דאָך אָבער אויך זאָרגען פאַר מיינע אייגענע בזיונות און דעריבער האָב איך זיי אפילו ניט אָנגעריהרט 1).

ווען דער סיר שמואל מאָנטאַגו האָט בעזוכט ירושלים תובב״א, האָט ער אויך בעזוכט דעם גרש״ם ז״ל און אויך דעם גאון הר״מ אויערבאַך ז״ל. דאַן האָט דער גרש״ם געזאָגט צו דעם גאון הרמ״א ז״ל, אַז איהם קומט אויס, אַז מאָנטאַגו איז ניט קיין פריינד פון ארץ ישראל, און אין אַ פאָר טעג שפעטער האָט אַ שליח פון דעם שר מאָנטאַגו געבראַכט צו דעם

1) זאָ האָט איהם דער גביר ר׳ משה וויטענבערג ז״ל געפרעגט, וואָרום האָט ער פון איהם אָנגענומען מתנות ווען ער איז געווען אין חוץ לארץ? זאָ האָט איהם דער גרש״ם געענטפערט: ווי באַלד איהר האָט זיך בעזעצט אין עה״ק ירושלים און אַ גביר זייט איהר, קען דאָך געווים געמאָלט זיין אַז איהר וועט האָבען גאַנץ אָפט אַ דין תורה פיר מיר, היינט שטעלט זיך פאָר אַז איהר וועט וויסען אַז איך האָב פון אייך מתנות, וועט איהר ניט דיינקען אַז איך נעהם ביי אייך שוחד.

great danger. On the same day, the Holy Tribunal issued a proclamation asking everybody to join in the prayers for their beloved Rabbi.

For a while, he appeared to be improving, and on Friday, it was believed, that within a few days he will be able to leave the bed. On Saturday, his condition again became critical. Nobody was notified in order not to cause the people worry on Sabbath. On Sunday morning, the two tribunals, that of the Sphardim and Ashkenazim, issued a joint appeal to the inhabitants of the city, with the request to visit all the holy places and pray for their Rabbi. That night was designated to be a night of prayer and everybody was asked to invoke the pity of the Lord.

Unfortunately, all their arrangements were of no avail, for on that same night, Sunday, at 10.25 P. M., Rabbi Salant passed away.

All through his illness he did not lose his conscience

for a minute. He continued to be the same Rabbi that was known to everybody throughout the Jewish World as the "Venerable Old Father".

When his physician, Dr. Mazie, informed him that he will have to take camphor, he refused and said that he will not take camphor because there is a disagreement over its medical properties, unlike quinine, whose medical properties are established and which he would have taken without the slightest hesitation.

Before Dr. Mazie, who was (and still is) the head physician of the Bikur Cholim Hospital, took leave of him, on that night Rabbi Samuel ordered him to attend at first to the patients of the hospital, and only after he is all through, he can come to visit him if he will still be alive.

During the last few days of his life he continued to speak to people and also pray con-

גרש"ם איין מתנה איין זילבערנעם בעכער מיט 300 פראנק. זא האט ער צוריק אבגעשיקט דורך דעם אייגענעם שליח די מתנה זיינע, און גלייך איז דער גרש"ם בכבודו געגאנגען צו דעם גאון הרמ"א ז"ל און איהם דערצעהלט, אז ער האט ניט אנגענומען זיין מתנה, ווייל ווען ער האט איהם בעזוכט האט ער געפיהלט, אז דער שר מאנטאגו בעהאלט עפעס פון איהם און ווען ער וואלט ניט געווען זא איין גרויסער מאן וואלט ער זיך ערלויבט דורך פראגען ארויסצוקריגען אלץ וואס ער האט אין הארצען, נאר צוליעב זיין הויכע פאזיציאן, וועלכע ער פערנעהמט אין דער וועלט, קען ער איהם ניט פרעגען, נאר דאס פערשטעהט ער, אז ער איז ניט קיין פריינד פון ארץ ישראל, און ער האט געראטען דעם גאון הר"מ אויערבאך ניט אנצונעהמען זיין מתנה, וועלכע ער האט איהם אויך געשיקט. דער גאון הרמ"א ז"ל האט אבער געזאגט, אז ער זעהט ניט איין ווארום ער זאל איהם צוריקשיקען זיין מתנה. דער שר מאנטאגו האט זיך אומגעקעהרט אין לאנדאן און דארטען האט ער ארויסגעגעבען זיין סטייטמענט אין דער ענגלישער צייטונג „דזשואיש קראניקל" מיט זידלערייען אויף די איינוואהנער פון ירושלים תובב"א און אויך אויף די רבנים אז זיי נעהמען שוחד און אז ער האט געשיקט שוחד צו דעם הר"מ ז"ל און ער האט אנגענומען, נאר הרב סלאנט ווייל ער איז דער טשיעף ראבי פון ירושלים תובב"א האט איהם ניט געפאסט אנצונעהמען איין מתנה גלייך מיט די מתנה צו הר"מ ז"ל, נאר א גרעסערע וואלט ער יא אנגענומען. דאן איז דער בעריהמטער שר און פילאנט־

stantly. In the morning he expressed his sorrow that he is unable to put on his Tfilin, but at 5 o'clock he asked his attend ants to change his clothes and put on Tfilin, and then he prayed "Mincha."

My father, Rabbi Hirsh Salant, the son of the only son of Rabbi Samuel Salant, learning from the physicians that his grandfather is apparently improving, asked permission to go home and rest for he had no sleep for several nights. He went up to Rabbi Samuel's bed to bid him good night but Rabbi Samuel interrupted him and said:

"My child, I want you to stay near me this night, for I feel that it is the last night that you see me alive. It is my opinion that grandchildren have the same statute as children, and I expect you to say Kadish after me, just as your father would, were he alive."

Rabbi Hirsh Salant asked him how he could talk in that manner when the physicians state that he is improving. Rabbi Samuel then answered:

"It is true that the physi-

ראָפּ סיר משה מאָנטיפיאָרע ז"ל ארוים אנטקעגען איהם און איהם געענטפערט אויך אין דעם דזשואיש קראָניקל זעהר שטרענג, און איהם געפרעגט מיט וואָס האָט רבי אויערבאך ז"ל געטהאָן ניט גוט וואָס ער האָט אָנגענומען די מתנה, און וואָס האָט רבי סלאנט ז"ל געטהאָן ניט גוט אז ער האָט ניט געוואָלט נעהמען ביי דיר קיין מתנה. און דאן האָט ער געזאָגט, אז ער שיקט צו די רבנים סלאנט און אויערבאך מתנות און זיי נעהמען אָן און דאנקען איהם פאר די מתנות, און דו ווייסט פאר וואָס דער רב סלאנט האָט ניט געוואָלט אָננעהמען דיין מתנה, ווייל דער גרש"ם אויסער וואָס ער איז איין גרויסער געלעהרטער, איז ער אויך איין וועלט־חכם און אָבוואָהל דו האָסט זיך בעהאלטען, דאָך האָט ער געווים פערשטאַנען, אז דו ביזט איין שונא פון ארץ ישראל און דעריבער האָט ער דיר ניט געוואָלט בעהרען און אָננעהמען דיין מתנה, און נאָך היינט וועל איך שיקען דעם גרש"ם די סומע פון 400 פראנק וויפיעל עס האָט בעטראָפען דיין מתנה, איהם אומצוקעהרען דעם היזק, וועלכען ער האָט געהאט אין ניט וועלען אָננעהמען דיין מתנה, און דו וועסט זעהן, אז ער וועט דאָס אָננעהמען פון מיר. ווייסטו פאר וואָס? ווייל ער וויים, אז וואָס איך שיק איהם, שיק איך מיט פריידע, וואָס השי"ת האָט מיר געהאָלפען, אז דער גרש"ם זאָל מיר בעהרען מיט דעם, וואָס ער נעהמט אָן פון מיר איין מתנה, און ניט ווי דו, וואָס דו האָסט דעריבער געגעבען דיינע מתנות נאָר בכדי נאכהער האָבען וואָס צו רעדען.

און אָבוואָהל ער האָט געלעבט ניט רייך און זיך בעגנוגענט מיט זיין גאנץ קליינעם

cians think so, but I know differently. I know that my end is near. I cannot tell you the exact moment it will ocur, but I feel that this is my last night on God's earth.

Of course he remained with him and did not go away until the end. And so did everyone who heard him talk that way. Rabbi Salant continued to pray until the last minute of his life.

During the whole afternoon and evening a crowd of people gathered in and around the house, and waited anxiously for reports concerning the health of the Rabbi, but finally they heard the dreadful news that all was over.

The news spread like lightning, and made an undiscribbale effect upon the city. Men cried women fainted. The scene was terrible.

Soon after his death a meeting of all the rabbies of the city was held, at which the deceased's will was read. He expressed his wish that no public panegyrics should be held after him, that his body should

געהאלט, דאך איז ער געווען איבערגעגעבען צו די אינטערעסען פון עה"ק ירושלים תובב"א מיט זיין גאנצען לעבען, ביי טאג און ביי נאכט איז זיין הויז שטענדיג געווען אפען פאר די איינוואהנער פון ירושלים תובב"א. און ער האט געגעבען רשות מען זאל איהם אויפוועקען אפילו פון שלאף, אויב דער שואל דענ׳זט נאר, אז עס איז א וויכטיגע זאך וואס מען דארף דאס ניט לאזען אויף מארגען, און ער פלעגט זיך וואשען און גלייך ענטפערען, און קיינמאל האט זיך ניט געטראפען, אז ער זאל זאגען, אז די פראגע איז ניט געווען וויכטיג איהם אויפצואוועקען פון שלאף און שטענדיג האט ער געהאט א שמייכעל אויף זיינע ליפען און מיט פריינדליכקייט ענטפערען. ער פלעגט יעדען רופען מיט דעם טיטול ר׳ און איהרצען יעדען. ער האט קיינמאל א געשריי געגעבען אויף יעמאנדען, נאר שטענדיג רוהיג און געלאסען גערעדט.

ער ז"ל פלעגט זיך שטענדיג בעקלאגען טאמער איז פיליכט איינער נענש געוואָרען צוליעב איהם. די געשיכטע איז געווען אין יאהר תר"ך. האבען זיך איינינע לייטע פון ירושלים תובב"א זיך פעראייניגט צו טהאן ניט קיין פיינע זאך אין ענינים פון הקדש. דאן געוועהנליך האט דער גרש"ס צוזאמען מיט די רבנים פון ירושלים הגאון החסיד ר׳ יוסף זונדל סלאנט זצוק"ל והגאון הג׳ הרב דקוטנא בעל הזית רענן ותפארת ירושלים על המשניות והגאון הג׳ הר"מ אויערבאך הרב דקאליש און נאך רבנים געשיקט נאך די לייטע און זיי געבעטען זיי זאלען דאס ניט טהאן און ווען זיי האבען ניט געפאלגט זיינען אלע

רבנים ארויס אנטקעגען זיי מיט פראטעס־טען און אבוואהל דער גרש״ם האט זיך ניט געמישט אין די מחלוקת, ווייל ער האט געזאגט, אז ווי באלד זיי ווילען ניט פאל־גען, לויהנט ניט ארויסצוגעהן מיט אפענע פראטעסטען געגען זיי, דאך אזוי ווי דער גרש״ם איז אין יענעם יאהר געווען אין חוץ לארץ האט ער דאן בעזוכט ביאליס־טאק, האט ער דארט ביי דעם רב פון ביא־ליסטאק זיך געטראפען מיט איינעם פון יענער כת פון די בעלי המחלוקת, און דער מאן האט זיך אנגעהויבען מתוכח זיין מיט דעם גרש״ם פאר דעם רב. זא האט דער גרש״ם ערקלערט צו דעם ביאליסטאקער רב דעם טעם פון די רבני ירושלים תובב״א זא האט דער מאן אויפגעעפענט זיין מויל און האט אנגעהויבען זידלען די הרבנים הגאונים פון עה״ק ירושלים תובב״א, האט זיך דער גרש״ם אויפגעשטעלט און האט דעם מאן געענטפערט: עס איז א טעות ווען מען דענקט, אז דעריבער האב איך זיך ניט געמישט אין די מחלוקת און ניט ארויס מיט אפענע פראטעסטען געגען זיי, ווייל איך דענק אז די כת האבען רעכט, אדער ווייל איך בין זעהר בעפריינדעט מיט זיי, ניין! גערעכט האבען די רבנים און גאוני ירושלים, איך בין ניט צוגע־שטאנען צו זייער אפענעם פראטעסט ווייל איך האב אויסגערעכענט, אז די עקספענ־סעס וועט קאסטען פיליכט אזוי פיעל ווי דער היזק פון הקדש, אויב מען וועט דאס פערשווייגען. מעגען זיי זיין מיינע גוטע פריינד, אבער וואס האט פריינד־ליכקייט געגען עהרליכקייט, און דאס מוז איך זאגען, מיר ביידע רעכענען זיך פאר איינוואהנער פון עה״ק ירושלים תובב״א, און מיר האפען צו השי״ת, אז ער וועט

not be brought into the synagogue, and that there should be no delay in the funeral. If he dies at night, the funeral should not be delayed until morning. The Rabbies decided to respect his wishes with the exception of the last one, about having the funeral at night. They thought that the crowd would be entirely to large and therefore this woud be a dangerous undertaking.

However, very early the next morning, at 7 A. M., the funeral procession took place. The streets around his house were overcrowded with people

Short addresses were delivered by Rabbis Berlin, Batitu, Elishor, and Panizal, in which they acquainted the public with the will of the deceased Rabbi, to the fact that he did not allow any panegyrics to be held after him.

The number of the people who attended the funeral was estimated to be about 40,000, and about 10,000 went to the cemetery.

Representatives of all the foreign consuls in the city, and

the city mayor came to pay him a last tribute. Soldiers and officers in full dress uniforms followed the body to the cemetery. This shows how popular Rabbi Samuel was among all the classes of the population, Jews and non-Jews alike.

The biography of Rabbi Salant is rather the history of the great Ashkenaz communities, Perushim and Chassidim, for his life history was closely connected with the constant growth of these communities.

Rabbi Salant would be considered a "gaon" even in former generations when the gaon type was more in common. For his open-mindedness and clear and right way of thinking were of such a quality which only few are blessed with. And to him we may rightly apply that what Rabbi Chaim, Rosh-Yeshivah of Valozin, once said: "The comparative greatness of the former gaonim was determined only by the right-reasoning of each." For right-

אונז העלפען זיך אומקעהרען צוריק אין די הייליגע שטאָדט, און דעריבער וויל איך זאָגען, אז דער פון אונז ביידע, וועלכער איז זיך מתוכח אין אמת וצדק און זיין כונה איז נאָר לשם שמים דער זאָל זוכה זיין זיך אומקעהרען נאָך די הייליגע שטאָט און מכלל הן אתה שומע לאו, און דער מאַן ל"ע איז נפטר געוואָרען אין ביאַ־ליסטאָק.

אלע געלדער פאַר די בתי חסדים ועד הכללי כנסת ישראל און ת"ת ישיבת עץ חיים און בקור חולים האָספיטאַל און אויך פיעלע געלדער פאַר יחידים פלעגען קומען אויף זיין נאָמען און ער פלעגט איבערגעבען די געלד צו די יעניגע, צו וועלכע עס האָט בעלאַנגט די געלד, אָהנע נעהמען שכר טרחה, און כמעט מ״ט יעדער פאָסט פלעגט איהם קומען אויך געלד סתם, אין וועלכע עס איז געווען געשריבען אין העברעאיש אָדער זשאַרגאָן פאָלגענ־דעם: איך שיק אייך, רבי, 5 רובעל אָדער 5 דאָלאר און בעט אייך, איהר זאָלט מתפלל זיין פאַר מיר. אַזעלכע געלדער פלעגט ער אוועקגעבען צו די אַנ־שטאַלטען ת"ת ישיבת עץ חיים בקור חולים האָספיטאַל און צום ועד הכללי כנסת ישראל און קיינמאָל האָט ער ניט אָנגעריהרט אַזעלכע געלד.

דעם 20טען אין מאָנאַט מנחם אָב תרס"ט איז דער גרש"ס ז"ל קראַנק גע־וואָרען אויף די אינפלוענציע. אין די ערשטע טעג האָבען די ירושלים איינ־וואָהנער גאָר ניט געוואוסט אין וואָס פאַר אַ סכנה דער גרש"ס געפינט זיך. נאָר גאַנץ געצעהלטע לייטע פון זיינע מקורבים האָבען געוואוסט דעם אמת פון זיין געזונד און מען האָט אפילו ניט גע־

הייסען אין זיין תלמוד תורה און ישיבה מתפלל זיין פאר איהם, דען מען האָט ניט געוואָלט איבערשרעקען די שטאָדט. נאָר אין דעם 23טען דעם זעלבען מאָנאַט האָבען די קינדערלעך פון דער תלמוד תורה אָנגעפאַנגען מתפלל זיין פאַר דעם גרש"ם אין דער גרויסער שוהל פון חורבת רבי יהודה החסיד ז"ל און די חכמי הישיבה אין דעם היכל הישיבה. אין שטאָדט אָבער האָט מען געזאָגט אַז דער גרש"ם ליידעט פון פיבער, דען דאָס האָבען אַלע געוואוסט אַז דער גרש"ם איז ניט געזונד, דען זיין הויז איז אימער געווען אָפען ביי טאָג און ביי נאַכט פאַר יעדען אידען און זאָגאַר ביי נאַכט פלעגט יעדער איינער קענען אַריין קומען אין זיין הויז אום געמאָלדען, און ווען אויף דעם פאָרשלאַג פון די גאוני ירושלים ובראשם הגאון ר' יצחק בלאזער זצ"ל האָבען די שמשים פון דעם גרש"ם גע־וואָלט שטערען דעם אַריינגעהן צו איהם. אום מען זאָל איהם ניט בעמיהען צופיעל, האָט ער ניט מסכים געווען, און ער האָט שטריינג פערזאָגט אַז מען זאָל קיינעם קיין שטערונג ניט מאַכען אַריינצוגעהן צו איהם. אָבער ווען ער איז געוואָרען ניט געזונד און אויף דעם אָרדער פון זיין הויז־דאָקטאָר האָט מען ניט אַלעמען אַריינגעלאָזען צו איהם, האָבען דאַרום די ירושלים איינוואָהנער געוואוסט, אַז ער איז ניט געזונד זאָ אום זיי ניט איבער־צושרעקען האָט מען זיי געזאָגט אַז דער גרש"ם ליידעט פון פיעבער. אָבער אין דעם 24טען דעם זעלבען מאָנאַט האָט מען שוין פון קיינעם ניט בעהאַלטען אַז דער גרש"ם איז אַ מסוכן און אין דעם זעלבען טאָג האָט דער בית דין הצדק

reasoning was his greatest natural gift.

Though he lived for 70 years in Jerusalem, yet only few realized his righteousness, for his extreme modesty helped to conceal it. The people of Jerusalem had a very small conception of the magnitude of the work he had to attend.

He did not care for outward show. He could not give his approval to artificial means employed in order to gain support or confidence. Flattery he hated very much. Even his nearest intimate friends were not allowed to flatter him. As soon as he heard them e m p l o y i n g any word of this kind he turned his face away from them, and that was enough for them to understand that they are to stop.

The Talmudical saying : "The wise is more important than the prophet" was evidenced by him, for while conversing with somebody he penetrated the other's inner thoughts

and thereby forced him to tell the truth.

Simplicity was another favorite quality of his. He lived, dressed and conducted himself all his life in the most simple way. One would hardly believe that this very simple and modest man is the leader of the most important and most sacred Jewish community on earth.

And notwithstanding all these, when a question of public interest and welfare was to be dealt with he was firm as a rock in his defence of the public's right and justice. His firmness was demonstrated not by physical force but by the greatness of his mind and spirit, by his soundreasoning and thinking, and by his explicitness in presenting the public's case.

He never used to phrase: "I command." He only said: "If you agree with me then do this or that for I think this to be right." And he was obeyed

פון ירושלים ארויסגעגעבען אין דער עפענטליכקייט איין אויפרוף אז יעדער איד זאל בעטען רחמים פאר דעם גרש"ם מיט דיעזען נוסח:

אחינו יושבי ירושלים תובב"א!

מורנו הגדול רבה ומאורה של עיר קדשנו תובב"א רבנו שמואל סלאנט הנהו חולה מסוכן רח"ל. בקשו רחמים הרבו תחנה לשוכן מעונה שירחם ה' ית"ש עלינו ויחלימהו וירפאהו. התקבצו בבתי כנסיות וקראו אל ה' ויקשיב ה' וישמע לשועת בת עמו וישלח דברו וירפא אותו רפו"ש במהרה ויזכה לקבל פני משיח צדקנו בב"א.

און עס איז גרינגער געווארען דעם קראנקען אין דעם 25טען און פרייטאג עש"ק האבען שוין אלע געדיינקט אז נאך א פאר טאג וועט שוין דער גרש"ם אין גאנצען געזונד ווערען. אבער אם ש"ק האט די אינפלוענציע זיך ווידער געשטארקט· אום ש"ק האט מען קיינעם ניט געוואלט אויסזאגען אום ניט צו פערשטערען דעם שבת, אבער זונטאג פריה האבען אלע בתי דינים פון די אשכנזים און ספרדים (שפאניאלישע אידען) אויסגעשיקט סירקולארם איבער דער גאנצער שטאדט אז מען זאל מתפלל זיין פאר דעם גרש"ם אויף אלע הייליגע מקומות, מיט דעם נוסח:

מטעם הרה"ג בתי הדינין הי"ו שבירושלים תובב"א.

אנו מפרסמים לבקש רחמים בעד גאון עוזנו רבנו שמואל (סלאנט) הנו"מ רישא, הצריך שוב לרחמים מרובים, ולגודל צערנו מצבו הורע היום הרבה והנהו

בסכנה גדולה רח״ל. התעוררו אחב״י הרבו תחנה ובקשה לשוכן מעונה בבתי הת״ת והישיבות בבתי כנסיות בצבור ובמקומות הקדושים, וגם כ״א יזכירהו בתפלתו בלחש ויקשב ד׳ וישמע וירפאהו רפו״ש ויחיהו ויחלימהו ויאריך ימיו ויזכה לקבל פני גואל צדק בב״א.

און די שמשים פון די רבנים הבד״צ מעיה״ק ירושלים תובב״א זיינען ארויסגעשיקט געווארען אנצוזאגען אלע אידען אין שטאדט און אין די פארשטעדט פון ירושלים תובב״א אז די נאכט זאל זיין א ליל שמורים אין ירושלים און איבערהויפט האלבע נאכט חצות, וועלכע איז זעהר גינסטיג פאר תפלה און תחנונים און צו דערוועקען רחמים.

לײדער איז אבער דער טויט פריהער געקומען. זונטאג נאכט געגען מאנטאג דעם 29טען מנחם אב, אם 25 מינוט נאך 10 אוהר, האט דער גרש״ם זיין הייליגע נשמה אויסגעהויכט.

עס איז געווען צו בעוואונדערען דאס די גאנצע צייט וואס דער גרש״ם איז קראנק געווען איז ער געווען ביי זיין פולען פערשטאנד, און זיינע ווערטער זייגען געווען געוואויגען און געמאסטען מיט קלוגשאפט ווי זיין געוואהנהייט איז געווען אין דער גאנצער צייט פון זיין לעבען. דאקטאר מאזיע וועלכער האט דעם גרש״ם בעהאנדעלט, האט איהם אמאל געזאגט אז ער וועט מוזען נעהמען קאנפער. דארויף האט דער גרש״ם געענטפערט: כינין וועלכע איז בעשטימט פון אלע דאקטוירים פאר א ווירקענדען מיטעל מוז איך איינגעהמען און האב ניט

because everybody was convinced that he was right.

His apartment consisted of two small rooms on the premises of the Churvah. Even in the year 5653 when the community presented him with a fine house specially built for him, he refused to occupy more than two rooms in it, one of which was his synagogue and private office.

And with justification said Rabbi Chaim Berlin in his panegyric when Rabbi Salant died that though many great rabbis and scholars have come to Jerusalem during Rabbi Salant's time, in energy and accomplishments none of them surpassed him and he was the recognized King of the Palestine Jewry to whose utterances everybody paid great attention.

קיין רעכט זיך פון דעם צו ענטזאגען. אָבער אירגענד וועלכע אנדער מעדעצין וואָס אַלע דאָקטורים זיינען דארויף ניט אייניג אין זייער ווירקונג, ביי אַזעלכע מעדעצינען אויב איך פיהל אַז זיי שאַ־דען מיר צום הארצען, האָב איך רעכט זיך צו ענטזאגען דאָס צו נעהמען.

און ווען דער דאָקטאָר האָט איהם געוואונטשען אַ גוטע נאַכט געהענדיג אַהיים, האָט איהם דער גרש"ם געזאָגט: מאָרגען פריה זאָלט איהר צו אַלעם ערשטען בעזוכען די קראנקע אינ'ם בקור חולים האָספּיטאַל און דאָרט וועט איהר זיכער הערען ווי עס האלט נאָך מיט מיר און אויב איך וועל נאָך זיין צווישען די לעבעדיגע, זאָלט איהר מיר קומען בעזוכען.

די גאַנצע צייט וואָס ער איז קראנק געווען האָט ער ניט אויפגעהערט צו רייד־דען; די ערשטע טעג אין דברי תורה, סיי טאָג, סיי נאַכט, אַזוי לאַנג ווי ער האָט נאָר געקענט וואך זיין. אין די לעצ־טע דריי טעג פון זיין לעבען האָט ער אָהן אויפהער געהאַלטען אין זאָגען תפלות און בקשות, זמירות און תשבחות און אין דעם לעצטען מעת לעת האָט זיין מויל ניט גערוהט אפילו איין מינוט (ער האָט אפילו ניט אַ דרעמעל געטהאָן). זונטאג פריה האָט מען איהם געפרעגט אַ שאלה, און נאָר אַ לעבעדיגער האָט ער גע'פסק'ענט כשר! דאָס איז ליי־דער געווען דאָס לעצטע מאָל אין זיין לעבען צו פסק'ענען אַ שאלה. ער האָט זיך דעם טאָג בעקלאָגט אַז ער קען קיין תפילין ניט אָנטהאָן, אָבער אַ זייגער 5 פאַרנאַכט, האָט ער געהייסען מען זאָל איהם אָנטהאָן ריינע וועש אום ער זאָל קענען לייגען תפילין און האָט גדאַווענט מנחה. מעריב צייט האָט ער געדאַווענט מעריב און ער האָט נאָך געזאָגט אייני־גע פסוקים, וועלכע נאָר די וואָס זיינען געשטאַנען נאָהענט לעבען איהם האָבען געהערט. אויך ביי דער גסיסה האָט ער אימערצו געזאָגט הייליגע ווערטער. בלויז די לעצטע דריי שעה פאַר דער פטירה איז ער געבליבען אָהן בעוועגונג און זיינע חושים האָבען אויפגעהערט צו פונק־ציאָנירען, און די דאָקטוירים האָבען איהם געמוזט אויפמונטערען, און אַזוי שנעל ווי מען האָט איהם אויפגעמינטערט האָט ער ווידער אָנגעהויבען צו זאָגען תפלות און בקשות.

דאָס איז געווען אַ צייכען פאַר די וואָס האָבען געוואַכט ארום איהם אַז אַזוי לאַנג ווי ער האָט נאָך אין זיך אַ צייכען פון לעבען, בעוועגען זיך זיינע ליפּען אין תפלות און בקשות. און אין די לעצטע מינוטען האָבען די לייטע וועל־כע האָבען זיך איינגעבויגען צו הערען וואָס ער זאָגט, געהערט איהם זאָגען הלל, נשמת כל חי, די פסוקים השיבני, תשב אנוש.

געגען אָווענט איז דער „חצר רבי יהודה החסיד“, וואו דער הגרש"ם האָט געוואָהנט, געווען געפּאַקט מיט מענשען פון אַלע טהיילען פון ירושלים. אויף יע־דענס פּנים איז געווען אַ וועלט מיט טרויער, ווייל יעדער האָט בעשטימט געוואוסט, אַז דער אומגליק מוז קומען. אַ שעה פריהער אָדער שפּעטער.

אָבער דעם דאָקטאָר, וועלכער האָט געוואַכט איבער דעם קראנקען דעם גאַנ־צען טאָג, האָט עס געשיינט אַז די לאַ־

גע פונ'ם קראנקען הגרש"ם איז געוואָ־
רען בעסער. דעריבער האָט מיין פאָטער
שיחי' דער אייניקעל פונ'ם גאון הרצ"ם
שיחי' געוואָלט געהן אהיים זיך אביסעל
אויסצורוהען, און אז ער האָט עס געזאָגט
צו דעם זיידען דעם גרש"ם, האָט איהם
דער קראנקער געזאָגט: איך בעט דיך
זעהר, דו זאָלסט פון דאנען די היינטיגע
נאכט ניט אוועקגעהן, ווייל איך וויל דו
זאָלסט זיין ביי יציאת נשמתי.

דארויף האָט איהם דער הרצ"ם שיחי'
געזאָגט: ליעבער זיידע, פאר וואָס זאָלט
איהר ריידען אזעלכע ווערטער, וועלכע
צוברעכען אונזער הארץ, אין דער צייט
ווען אייער דאָקטאָר זאָגט אז אייך ווערט
בעסער. דאן האָט דער גרש"ם געענט־
פערט: אמת, אז דער דאָקטאָר ווייס
וואָס ער זאָגט, אָבער איך ווייס אויך אז
עס וועט ניט דויערן איבער נאכט, כאָטש
איך ווייס ניט די מינוט ווען עס וועט גע־
שעהן. און דו זאָלסט וויסען אז איך
בין דער מורה הוראה פון ירושלים און
איך האָב אויך גע'פסק'ענט אז בני בנים
הרי הם כבנים און האָבען דעם זעלבען
דין ווי קינדער און זיי דארפען זאָגען
קדיש דעם גאנצען יאָהר ווי אנדערע
אבלים רח"ל ודינא.

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז
נאָך אזעלכע ווערטער וואָס מען האָט פון
איהם געהערט איז שוין ניט הרצ"ם שי',
ניט דער דאָקטאָר און ניט קיינער פון די
אנוועזענדע געגאנגען אהיים. אלע ישיבה
לייט פון עץ חיים זיינען געשטאנען
ארום דער בעט, אין וועלכער עס איז גע־
לעגען דער קראנקער גאון רש"ם אדער
אין הויז און אויך ארום הויז. זיי זיינען
די גאנצע נאכט דאָרט פערבליבען און
האָבען געלערנט אין דער נעבען הויז פון
דער הגרש"ם. און יעדעס מאָל ווען מען
האָט געדענקט אז עס איז שוין יציאת
נשמה האָט מען זיי אריינגערופען. אזוי
איז פארגעקומען אייניגע מאָל, ביז צום
לעצטען מאָל האָבען די דאָקטוירים ער־
קלעהרט, אז עס וועט שוין לאנג ניט
דויערען און זיי זיינען דאָרט פערבלי־
בען ביי א פיערטעל שטונדע. אין די הויז
פון דעם קראנקען און אין די צימערען
דערביי, ווי אויך די פראנט פון דער
וואָהנונג, און די טרעפ, איז געווען מענ־
שען אין א געדריינג, ביז וואנען עס האָט
זיך געלאָזט הערען מיט א שרעקליכען
יאָמער: שמע ישראל! וואָס דאָס מיינט
צו זאָגען אז די הייליגע נשמה פון דעם
גאון איז ארויפגעגאנגען צום הימעל
בקדושה ובטהרה.

קיין פעדער איז ניט אימשטאנד צו
שילדערען די טרויעריגע ווירקונג וואָס עס
האָט פעראורזאכט דער טויט פון דעם גאון
הרש"ם אויף דעם גרויסען עולם וואָס איז
געווען פערזאמעלט אין חורבת רבי יהודה
החסיד און אויף אלע ירושלים'ער איינ־
וואָהנער, וואָס די טרויעריגע נאכריכט
איז מיט דער שנעלקייט פון א בליץ בע־
וואוסט געוואָרען איבער אלע עקען פון
שטאָדט, וואו אידען וואָהנען נאָר. א
שרעקליכער יאָמער האָט ארומגעכאפט
יעדען איינעם, מענער האָבען געוויינט
און פרויען האָבען גע'חלש'ט פון הארץ
קלעמעניש און ערגערניש. און אלע מיט
איין קול האָבען געשריען: נפלה עטרת
ראשנו, אונזער קרוין פון קאָפ איז גע־
פאלען!

זאָפאָרט זיינען אין דער הויז פון
דעם פערשטאָרבענעם גאון צוזאמענגע־

קומען די רבנים און דיינים פון די פרושים און חסידים געמיינדען ווי אויך די הויפט פיהרער פון דער חברה קדישא און מען האט פארגעלייענט דעם פערשטארבענעמס צוואה, אין וועלכע ער זאגט מען זאל נאך איהם קיינע הספדים ניט מאכען, מען זאל וועגען איהם ניט זאגען קיינע שבחים, מען זאל איהם נאך זיין טויט ניט אריינטראגען אין שוהל *) און מען זאל פאר איהם ניט מאכען קיינע ספעציעלע עהרונגען (כבודים).

און מיין פאטער, הרצ״ם שליט״א ווי אויך אנדערע מענשען, וועלכע זיינען נאהענט געווען מיט איהם ;ביי זיין לעבען האבען נאך צוגעגעבען וואס זיי האבען געהערט פון איהם מעהרערע מאל, אז ווען ער וועט שטארבען זאל מען מיט איהם ניט מאכען קיינע בעזונדער׳ע שהיות און מען זאל איהם בעהאלטען אהנע צערעמאניעס, עס זאל ניט צו לאנג דויער׳ען פון די פטירה ביז דעם קבר, דען ער פלעגט זאגען, אז די נשמה קען ניט קומען צו איהר פלאץ בעפאר דער קערפער קומט ניט צו זיין פלאץ, און אויב ער וועט נפטר ווער׳ען ביי נאכט זאל נאר איין דגל — איין מנין אידען — געהן צו זיין לויה. און דעם גרש״ם א ווארט איז געווען הייליג פאר די ירושלימ׳ער און אלעם וואס ער האט געזאגט איז פינקטליך אויסגעפיהרט געווארען אן דער צייט פון די 70 יאהר וואס ער איז געווען דער רעליגיעזער פיהרער פון ירושלים, האבען זיי אויך איצטער מורא געהאט צו טהאן אנדערש ווי ער האט געהייסען, און עס איז כמעט ווי בעשטימט געווארען מען זאל איהם בעהאלטען ביי נאכט.

אבער אלע אנוועזענדע האבען געגען דעם פראטעסטירט, ווייל זיי האבען געזאגט אז עס איז א געפאהר אויפצוּוועקען דעם עולם צו געהן ביי נאכט צו דער לויה און איבערצולאזען אין דער היים בלויז פרויען און קינדער.

און אבוואהל דער הגרש״ם האט געזאגט אז אויב ער וועט שטארבען ביינאכט זאל מען איהם באלד בעהאלטען מיט איין דגל (דגל הייסט א קליינער אבטהיילונג פון דער חברה קדישא, בלויז צעהן מענשען), אבער איז עס דען מעגליך נאכצוקומען זיין פערלאנג? די ירושלים׳ער אידען וואלטען זיך דאך עס קיינמאל ניט קענען פערצייהען, אז זיי האבען ניט געמאכט קיין אנשטענדיגע לויה זייער גרויסען גאון און רב, וואס גאנצע 70 יאהר איז ער געווען זייער הויפט און זייער פיהרער. און איבערהויפט אז די מעהרסטע איינוואהנער וויסען שוין און זיי וועלען געהן צו דער לויה און ווי קען מען איבערלאזען די פאמיליעס אליין ביי נאכט?

צוליעב די שווערקייט פון אט דיזער פראגע האבען די רבנים בית דין צוזאמען מיט די פארשטעהער פון דער חברה קדישא אפגעהאלטען א פערזאמלונג אין דעם וואהנונג פון הגאון רבי חיים ברלין (וועלכער האט צו יענער צייט נאך געלעבט), און עס איז בעשטימט געווארען אז אין דעם פונקט פון איהם בעהאלטען

*) עס איז איין מנהג אין ירושלים תובב״א אז ווען עס ווערט נפטר איין אדם חשוב טראגט מען איהם אויף דעם וועג צום בית-החיים (סעמעטערי) אריין אין שוהל און דארט איז מען אויך מספיד.

ביינאכט איז אונמעגליך נאָכצוקומען זיין וואונש און די לויה מוז אָפּגעלייגט ווערען ביז דעם נעקסטען פריה־מאָרגען. נאָר די אויסריכטונג צו דער לויה זאָל זיך גאנץ פריה אָנפאנגען, און גלייך מיט טאגעס־ליכט זאָל מען אויסרופען בטול מלאכה, און די לויה זאָל פאָרקומען ניט שפּעטער פון 7 אַ זייגער אין דער פריה.

גאנץ פריה איז שוין אין דער חורבה און אין די אַלע גאסען ארום, געווען פערזאַמעלט אַ ריעזען גרויסער צאָהל מענשען, אין די טויזענדער, אַלע פערעהרער פון דעם פערשטאָרבענעם גאון הרש"ם וועלכע זיינען איהם געווען טריי ביי זיין לעבען און האָבען עס געהאַלטען פאר זייער הייליגען פליכט איהם אָפּצוגעבען די לעצטע עהרע.

7 אַ זייגער איז מען פארטיג געוואָרען מיט דער אויסריכטונג, וואָס האָט געדויערט מעהר פון אַ האַלבע שטונדע, דורך די פאָרשטעהער פון די חברה קדישא, צוזאַמען מיט אנדערע רבנים פון עיה"ק ירושלים תובב"א, צווישען וועלכע עס איז אויך געווען הגאון מוהר"ח ברלין.

בעפאָר דער ארון איז פון דער חורבה ארויס האָבען געהאַלטען טרויער־רעדעס אייגענטליך גאנץ קורצע אָבער פייער־שאַרפע, איינינע רבנים פון די אשכנז'ישע און ספרד'ישע געמיינדען, ווי הרב הגאון מוהר"ח ברלין און הרב הגאון מו"ה נחמן בטיטו, מוה"ר חיים אלישר ומו"ה אלי' פּניזיל, מיט די ווערטער: דער גרש"ם האָט געהייסען מען זאָל איהם ניט מספיד זיין, אָבער, רבותי, זעהט ווער עס ליגט פאר אונז. איין ליכט איז געווען ביי אונז און וואו איז ער יעצט. און דאָן האָט זיך אָנגעפאנגען די פראָצעסיאָן פון דער לויה. עס וועט ניט זיין איבערטריבען צו זאָגען, אז מעהר פון פופציג טויזענד אידען האָבען בעגלייט דעם גאון הרש"ם צו זיין אייביגער רוהע.

אום אָבצוגעבען כבוד צו דעם פערשטאָרבענעם גאון, זיינען געקומען צו דער לויה די שטעלפערטרעטער פון די אויסלענדישע קאָנסולאטען, דערהויפּט פון דער בעלעדיע (סיטי מעיאָר) און זיינע הויפּט־בעאַמטע, פאָרשטעהער פון די פערשיעדענע קריסטליכע געמיינדען. אַלע קאָוואסען, אָנגעטהאָן אין זייערע יוניפאָרמען, מיט גרויסע זילבערנע שטעקענס אין זייערע הענד, מיליטער און פּאָלים זיינען געגאנגען פאר דעם אָרון און נאָך דעם אָרון, אום צו האַלטען אָרדנונג. דער סעקרעטער פון דעם דייטשען קאָנסולאַט אין ירושלים, הערר פּוללס, האָט דעם פערשטאָרבענעם בעגלייט ביז דעם פּליים, וואו ער איז צו רוה געקומען.

אויף דעם הר הזיתים, ווען דער ארון איז אַרונטערגעלאָזען געוואָרען, זיינען אַנוועזענד געווען ביי צעהן טויזענד מאַן און אַלע האָבען ביטערליך געוויינט און געקלאָגט: עס איז געפאַלען די קרוין פון אונזער קאָפּ, מיר האָבען אונזער שטאָלץ פערלאָרען, גאָט אין הימעל, אונזער צער איז ניט צו דערטראָגען. שיק אונז דיין טרייסט.

די ביאָגראַפיע פון דעם גרש"ם איז איין גרויסע לאַנגע קייט פון דעם ישוב אין ירושלים תובב"א, זיינע תולדות זיינען די תולדות פון די אשכנז'ישע געמיינדען פּרושים און חסידים און אַלע פּאַסירונגען, וועלכע האָבען געטראָפען דיעזע גרויסע געמיינדע, כן ירבו.

אַז דער גרש"ם איז געווען איין גאון,

ווייסען אלע, אבער ניט אלע ווייסען, אז ער איז ניט נאר געווען איין גאון פון דיזען דור, נור אויך אזוי ווי אייגער פון די גאונים פון די פריהעריגע דורות. זיין שווער, דער חסיד הצדיק ר׳ יוסף זונדל סלאנט ז״ל האט מקבל געווען פון זיין רבי׳ן דעם גאון ר׳ חיים וואלאזינער ז״ל פאלגענדעס: לא נשתבחו הראשונים זה בזה אלא בסברא ישרה, און דאס איז געווען דער עיקר פון זיין גרויסקייט זצ״ל. ער פלעגט פיינד האבען די ליידיגע פלפולים, די פלפולים צוליעב פלפולים, ער האט אבער געליעבט דעם פלפול, ווען אז דורך דעם פלפול פלעגט ער קענען קומען צו דעם דרך האמת, צו דעם דין המקובל. זיין געוואהנהייט פלעגט זיין צו זאגען שטענדיג (אזוי ווי זיין חבר און פריינד דער גאון ר׳ ישראל סלאנטער זצ״ל האט געשריבען אין זיין ספר התבונה) אויך דער פלפול איז נאר איינער פון די דרכי הפשט, זיין וועג אין לערנען איז געווען שארף אבער גלאט, זא אז ווען די וועלכע פלעגען איהם הערען און האבען זיך נאר פערטיעפט אין זיין לערנען, האבען געפונען אז מיט זיין פשטות פלעגט ווערען פערענטפערט אלע שאלות און קשיות.

ער איז געווען איין זעלטענער צדיק. אבער עס איז ניט מעגליך פארצושטעלען אזא סארט „צדיק".

ניט נאר אידען, וועלכע האבען איהם קיינמאל געזעהן, נאר אפילו פיעלע פון די אנשי ירושלים האבען ניט ריכטיג אבגעשאצט די צדקות פון דעם גרש״ס זצ״ל, נאר די וועלכע זיינען געווען גאנץ נאהענט צו איהם און האבען געזעהן זיינע מעשים טובים און האבען בעטראכט די גרויסע ענינים, וועלכע ער האט שטענדיג כמעט אלע טאג געהאט און וועלכע נאר ער אליין האט זיי געמוזט ערליידיגען, די האבען געוואוסט א ביסעל פון די צדקות פון דעם גאון און צדיק דער סבא קדישא רבנו שמואל סלאנט זצ״ל זיע״א.

ער ז״ל פלעגט פיינד האבען אויסענווענינסטע שעהנהייט און בשום אופן פלעגט ער זיך ניט וועלען ארויסווייזען פאר איין צדיק.

דער אמת איז געווען זיין צוועק אין לעבען, דעם שקר, שווינדעל און חניפה האט ער פיינד געהאט, זאגאר אפילו פון זיינע מקורבים און וועלכע זיינען געווען תקיפים, אויב זיי האבען נאר אנגעפאנגען צייטענווייז רעדען עפעס גלאטע ריידעלעך, געמאכטע רייד, פלעגט ער אבקעהרען פון זיי דעם קאפ, און עס איז געווען גענוג זיי צו געבען צו פערשטעהן, אז זיי זאלען אויפהערען צו ריידען, און אויף דיזען חכם האט מען געקענט זעהן פאקטיש די שטארקייט פון דעם מאמר חז״ל „חכם עדיף מנביא". דורך זיין חכמה האט ער געקענט דערגעהן די גרעסטע סודות פון דעם, וועלכער האט גערעדט מיט איהם, און צו פערשטעהן ריכטיג, וואס ער טראכט אין הארצען. די וועלט האט געזעהן פיעלע ענוים, אבער סע איז אונמעגליך פארצושטעלען א מאן מיט זא איין ענות, ווי די פון דעם גרש״ס, וועלכער האט זאגאר ניט געהאט קיין לבוש פון ענווה. ווער געדענקט ניט דעם גרש״ס ווען ער איז נאך געווען ביי זיינע פולע קרעפטען, ליידער האבען מיר נישט די קראפט פארצושטעלען פאר די, וועלכע האבען איהם ניט געקענט די ריכטיגע גרויסקייט פון דעם גרש״ס. שטעלט זיך

פאר איין גרויסען רב און מנהיג הדור לעבט גאנץ איינפאך און וואס אנבעלאנגט צו איהם אליין, איין ענו, אין וואס עס בעלאנגט צו זיין כבוד, אבער צו דער זעלבער צייט און וואס אנבעלאנגט צו דעם אנדערענס כבוד און איבערהויפט וואס אנבעלאנגט צו אמת וצדק פון דעם צבור דארט האט מען געקענט זעהן רבי שמואל און זיין גרויסקייט, רבי שמואל און זיין שטארקייט, רבי שמואל און זיין חכמה, אבער ניט די שטארקייט פון אן עשו, נאר מיט די שטארקייט פון זיין גייסט, זיין ערקלעהרען ריכטיג וואס ער מיינט, דען אין דעם איז ער אויך געוועזן איין זעלטענער עקזעמפלאר, דען קיינמאל האט ער ניט גערעדט מיט דעם ווארט „איך היים", נאר „אויב איהר ווילט, טהוט אזוי". דען דער איז דער ריכטיגער וועג נאך מיין מיינונג, אבער זיינע רייד, וועלכע ער ז"ל פלעגט ארויסריידען, וועלכע אלע האבען געוואוסט, אז דער גרש"ם ז"ל רעדט איז קיין האר ניט ארונטערגעפאלען. זיין גאונות מיט זיין עניוות, זיינע צדקות מיט זיין חכמה און זיינע מדות טובות, זיין געשווינדקייט און זיין פארזיכטיגקייט, אלעם איז געגאנגען צוזאמען, איינע אהן די איבעריגע איז ניט געוועזן אנגערופען ביי איהם איין גאנצע זאך.

זיין לעבען איז געוועזן איין איינפאכער, זיינע מלבושים ריינע, אבער איינפאכע, וועלכע ער פלעגט טראגען צעהנדליגע יאהרען נאכאנאנד, זיין עסען איז געוועזן איינגעארדענט אזוי, אז נאר וואס עס האט געפאדערט פאר זיין געזונד, קיין מאל אין זיין לעבען האט ער פערזוכט עפעס פאר זיין פערגניגען, וועלכע זיין גוף האט עס ניט געדארפט. פון זיין קומען אין ירושלים אין יאהר תר"א ביז תרנ"ג האט ער געוואהנט אין איין קליינער וואהנונג אין די חורבת ר' יהודה החסיד ז"ל.

און אין יאהר תרנ"ג ווען די שטאדט האט איהם געגעבען איין שעהנע וואהנונג, האט ער נאר געוואהנט אין צוויי חדרים, פון וועלכע איינע איז געוועזן זיין שוהל און זיין ועד.

און מיט ריכטיגקייט האט דער גאון ר' חיים ברלין זצ"ל אויף איהם געזאגט נאך זיין פטירה דעם פסוק ויהי בישורון מלך בהתאסף ראשי עם, יחד שבטי ישראל, אומעטום וואו עס שטעהט ויהי איז א צרה, און וואס איז די צרה בישרון? ביי די קוקערם? ר' שמואל איז געוועזן א מאן, אויף וועלכען מען האט געקוקט זעהר פיעל, אבער אלע האבען מודה געוועזן, אז ער איז געוועזן דער מלך, קיינער וואלט ניט געקענט אזוי גוט דורכפיהרען אזעלכע וויכטיגע ענינים אויף אזא גוטען אופן ווי דער גרש"ם ז"ל, בהתאסף ראשי עם עס זיינען געקומען נאך ירושלים די גרעסטע גאונים, דער חסיד ר' יוסף זונדל סלאנט, דער גאון ר' ישעי' בארדאקי, דער קוטנער רב בעל זית רענן, דער קאלישער רב, הגאון ר מאיר אויערבאך, דער בריסקער רב, דער לובלינער רב און נאך גאונים ז"ל, יחד שבטי ישראל פון דער גאנצער וועלט, נאך ביי זיין פאטער דעם נציב ז"ל, ווען עס פלעגט זיין אספות וועגען ארץ ישראל האבען אלע געוואוסט, אז אין ירושלים יש בישרון מלך, תנצב"ה וזכותו יגן עלינו אמן.

העתק
מצואתו של הגרש"ם זיע"א

עזרי מעם ד'.

לאשר אין האדם יודע עתו, ובפרט אנכי אשר בחסדי ד' ית"ש כבר נמלאו לי תשעים שנה (ד' יחייני ויקימני לעבודתו ית"ש)* ולכן ראיתי לחובה לגלות בצואתי זאת את דעתי ורצוני הגמור לאחר אריכת ימי ושנותי.

א) הספרים שלי המונחים ועומדים בהארגז האדום, אותם הנני נותן במתנה לנכדי יקירי הבחור נתן נטע סלאנט נ"י בן נכדי יקירי הרב ר' צבי הירש סלאנט שיחי'.

ב) הספרים שלי העומדים בהארגז הירוק אני נותן במתנה לישיבת עץ חיים בחצר ריה"ח זצ"ל וישמרו בהארגזים שבביתי המיוחדים לספרים ות"ח שירצה ללמוד בהם ילמוד בבית הזה דוקא ולא יוציאם החוצה ואחר הלימוד יחזירם למקומם.

ג) שני החדרים שהייתי דר בהם לפני עלותי לדור בהעליות (שאני דר בהם עכשיו) שהיו לי במשכנתא מגזברי הקהל נתתי אותם מכבר ללמוד בהם תשב"ר והרי הם הקדש להת"ת הנ"ל באופן שיהי' חדרים קבועים ללמוד בהם תשב"ר, דינא ולא ישנו שום דבר זולתי למוד תשב"ר, והדירות שאני דר בהם עכשיו הם שיכים להת"ת הנ"ל ואבקש מאד מגזברי הת"ת שייחדו את הבתים האלה או לעשרה ת"ח מובחרים מבני ישיבתנו עץ חיים או למלמדים עם בחורים לומדי גפ"ת. דינא.

ד) כל החפצים והבגדים וכו"כ שלי הרי הם לנכדי הרב ר' צבי הירש סלאנט שיחי' בתורת ירושה בד"ת.

ה) לפרעון כתובת אשתי, ומזונותי' ג' חדשים ולהוצאות כתפין (כי זה רבות בשנים אשר כריתי לי קבר בהר הזיתים) ומנין ושאר דברים הנהוגים השארתי מעות בהארגז שלי כרוך בניר וכתוב בו פרטי החשבון.

ו) בקשתי מאד שלא יספידוני ולא ישאו אותי לביהכנ"ס או לביהמ"ד (כנהוג פה לעשות לרבנים) כי ידעתי שאינני ראוי לזה.

ז) על המצבה יחרתו רק תואר „הרב" ולא יותר בלי תוספות שום

תואר כלל כי שקר שנאתי, ויוחק על המצבה הנוסח הזה פ"נ הרב ר' שמואל (סלאנט) בן הרב ר' צבי ז"ל ותיבת „סלאנט" תהי' מוקפת בין שני חצאי לבנה ולפני שמו של מר אבא זצ"ל למען לא יטעו העולם כי אנכי בנו של הגאון המפורסם ר' צבי הירש סלאנטער זצ"ל.

ח) אבקש מאד לקרב נכבדי היקרים ולהיטב עמהם בכל האפשר ומכש"כ שלא להרחיקם חו"ש ויזכרו לי את אשר עבדתי לטובת קהל עיר קדשינו תובב"א זה ששה וששים שנה, הודות לד' ית"ש, ואברך את אחינו היקרים אשר עזרו על ידי באונם ובהונם להרים מצב קהל עיר קדשנו תובב"א משך ימי עבודתי להפרחת הישוב בעה"ק ולהחזיק מוסדי הצדקה והחסד של הצבור לתפארת עמנו ועיר אלקנו וביחוד לשכלול בית הת"ת ולהרמת קרן התורה יצו ד' אתם את ברכתו החיים והשלום ונזכה כולנו יחד לשוש בציון משוש בשוב ד' את שבות עמו, ואור חדש על ציון יאיר בב"א.

ח"ש י"ב לירח האיתנים שנת התרס"ו לפ"ק בעי"ק ירושלים תובב"א

שמואל סלאנט





The Holy City Jerusalem

עיר הקודש ירושלים תובב״א

MEMORIES OF JERUSALEM.

Our holy city Jerusalem is now as ever the jewel of the Orient. It is sacred to all nations of the world. It is situated on four high mountains, namely, Moryiah mountain to the east; Zion mountain to the west! Acre mountain to the northwest and Beth-Zatha to the notheast. It is built 2449 feet above the sea level and about 9 German miles from the sea.

It was built for the first time in the year 2023 by the

זכרונות ירושלים

אונזער הייליגע שטאָדט ירושלים, גראַדע ווי זי איז אַמאָל געווען די ציערונג פון אָריענט, אַזוי איז זי יעצט אויך. זי איז פערהייליגט פאַסט ביי אַלע נאַציאָנען פון דער גאַנצער וועלט. זי שטעהט אויף פאָלגענדע פיער הויכע בערג: אין מזרח דער „הר המוריה", אין מערב דער „הר־ציון", אין צפונית־מערבית דער באַרג „אקרא", און אין צפונית־מזרחית „בית־צתא". זי איז 2449 פוס העכער פון דעם מיטעללענדישען ים און ווייט פון איהם 9 דייטשע מייל *).

דעם ערשטען מאָל האָט געבויט די שטאָדט אין יאָהר 2023 (נאָך דעם אידי־

*) זעה זכרונות ירושלים להחכם הר״מ סלומון ע״ה.

King Malchi-Zedeck and he named it Sholem. Later it was captured by the Yebusites and they changed its name to Yebus.

In the year 2517 it was captured by the Jewish tribes Yehudah and Simon and the city became a part of Yehudah.

In the year 2892 King David chose it for his residence and decided to build therein the Temple. He named it Jerusalem, which means in Hebrew 'God shall increase peace in it.'

In the year 2969 in the time of King Rehabom, the treasuries of the King and the the Temple were looted by Sheshak, King of Egypt.

In the year 3047, in the time of King Joram, there was a revolt of the Phelistim and Arabs against the Jewish rule and they succeeded in capturing the city of Jerusalem and emptied the royal treasury. Finally, after great efforts, the

שען רעכנונג), מלכי צדק כהן לאל עליון, און ער האט איהר א נאמען געגעבען „שלם". שפעטער האבען איהר די יבוסים איינגענומען, און האבען איהר א נאמען געגעבען „יבוס".

אין יאהר 2517 האבען די צוויי אידישע שבטים יהודה און שמעון איהר איינגענומען און די שטאדט איז געווען איין טייל פון שבט יהודה.

אין יאהר 2892 האט דוד מלך ישראל איהר אויסגעקליבען פאר זיין רעזידענץ, און אין איהר בעשטימט צו בויען דעם „בית המקדש" און ער האט איהר א נאמען געגעבען „ירו־שלם", וועלכער ווארט מיינט אין עברית השי"ת זאל מעהרען פריעדען צו אונז.

אין יאהר 2969, אין דער צייט פון רחבעם מלך ישראל איז שישק, דער קעניג פון מצרים, ארויף אויף ירושלים און האט אויסגעליידיגט דעם פערמעגען, וועלכער איז געווען אין טרעזשורי פון בית המקדש און פון קעניג.

אין יאהר 3047, אין דער צייט פון יהורם, קעניג פון יהודה, האבען די פלשתים און די אראבער רעוואלטירט אנטקעגען די אידישע הערשאפט. זיי האבען אויך איינגענומען ירושלים און אויסגעליידיגט די אידישע קעניגליכע טרעזשורי, נאכהער האט דער אידישער קעניג זיך געשטארקט און זיי פערטריבען, אבער פון דאן אן זיינען זיי ארוים פון אונטער די אידישע הערשאפט.

אין יאהר 3100 זיינען די ארמייען פון ארם ארויף אויף יהודה, און יהודה האט דאן פיעל געליטען פון זיי.

אין דער צייט פון אמציה, מלך יהודה, וועלכער האט אנגעפאנגען א שטרייט מיט

Jewish King succeeded in cleaning the city of the rebels. However, they gained their independence.

In the year 2213 the city was besieged by Sanhereb' King of Assyria; but at night an angel of the Lord killed 185,000 of his troops, which meant practically the whole army, and the city was saved.

In the year 3327 Nebuhadnezar of Babylon captured the city and made its king a prisoner of war.

In the year 3338 the city was destroyed by Nebuzaradon, one of Nebuhadnezar's subordinates. He burnt the Temple and exiled almost the entire population to Babylon.

In the year 3390 Cyrus, King of Persia, who destroyed the kingdom of Babylon, issued a decree allowing the Jews of all the countries under his control to return to their land and rebuild Jerusalem. The Jews seized this opportunity and re-

יואש מלך ישראל, איז יואש מיט זיין ארמיי ארויף אויף יהודה און האט אויך איינגענומען ירושלים און האט אויך אויס־געליידיגט די קעניגליכע טרעזשורי.

אין יאהר 3213, אין דער צייט פון חזקיה מלך יהודה, האט סנחריב, דער קעניג פון אשור, געשיקט זעהר איין גרוי־סע ארמיי אונטער די פיהרערשאפט פון רבשקה און ער האט בעלאגערט ירושלים. אבער ווען עס איז געקומען נאכט, איז א מלאך פון גאט ארויס און האט געטויי־טעט הונדערט פינף און אכציג טויזענד מאן, די גאנצע ארמיי פון קעניג סנחריב.

אין יאהר 3319 האט נבוכדנצר, דער קעניג פון בבל, איינגענומען ירושלים און גענומען געפאנגען דעם קעניג פון די אי־דען. אין יאהר 3327 איז ער נאך אמאל ארויף אויף ירושלים און האט גענומען גע־פאנגען יהויכין, דעם קעניג פון יהודה, און איהם אוועקגעפיהרט נאך בבל.

אין יאהר 3338 איז חרוב געווארען ירושלים דורך נבוזראדן, געשיקט פון נבוכדנצר קעניג פון בבל, און ער האט אויך פערברענט דעם בית המקדש און אלע הייזער האט ער פערניכטעט און געבראכען דעם שטאלץ פון דעם אידישען פאלק.

אין יאהר 3390 האט גאט בעוועגט דאס הארץ פון כורש, דעם קעניג פון פרס, וועלכער האט אונטער דער צייט בעזיעגט און פערניכטעט די קעניגרייך פון בבל, און ער האט ערלויבט די אידען פון זיינע לענדער זיך אומקעהרען צוריק צו זייער אלטער היים און אויפבויען ירושלים. און די אידען האבען זיך אומ־געקעהרט צוריק צו זייער לאנד און האבען אויפגעבויט ירושלים אזוי, אז זי האט זיך

turned and rebuilt their land, Capitol and Temple.

In the year 3448 Alexander the Great came into Jerusalem. The Jews did not wish to wage war against him and surrendered.

In connection with his visit the Talmud tells of an accident that took place there: While Alexander was in Palestine the Samarites who were always enemies of the Jews asked him to allow them to destroy the Temple of Jerusalem. Their request was granted by Alexander. However, when the news reached the Jews in Jerusalem, the Righteous Simon' then High Preist, put on his official costume and went out of town, accompanied by several of the nobility in order to meet Alexander. When they reached Antifras, Alexander noticed the High Priest and immediately got off his chariot and bowed to the High Priest. The Samarites asked him how is it, the great Emperor shall bow to a

פאַסט אומגעקעהרט צו איהר אמאָליגען שטאַנד.

אין יאָהר 3448 איז דער גרויסער אלכסנדר מוקדון אַרויף אויף ירושלים. אָבער די אידען האָבען קיין קריעג ניט געוואָלט און האָבען זיך אונטערגעגעבען און דער הייליגער תלמוד (יומא ס"ט, ע"א) דערצעהלט, אַז די פיינדע פון די אידען, די כותים, האָבען פערלאַנגט פון אלכסנדר מוקדון, אַז ער זאָל זיי ערלויבען חרוב מאַכען דעם בית המקדש און ער האָט זיי דאָס ערלויבט. האָט מען דאָס צו וויסען געגעבען שמעון הצדיק. זאָ האָט ער זיך אָנגעטהאָן אין בגדי כהונה און האָט מיטגענומען די שעהנסטע און השוב'סטע בעלי־בתים פון ירושלים און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען ווייט פון שטאָדט אויפנעהמען אלכסנדר מוקדון. ווען זיי זיינען געקומען צו דעם פּלאַץ „אנטיפּטרס", האָט דער קעניג געזעהן דעם צדיק שמעון, זאָ איז ער אַרונטער פון זיין וואָגען און זיך געבוקט פאַר איהם. זאָ האָבען די כותים צו איהם געזאָגט: „זאָ איין גרויסער קעניג זאָל זיך בוקען צו איין אידען!" זאָ האָט ער זיי געענטפערט: „איין געשטאַלט ווי פון דיעזען איד געהט פאַראויס פאַר מיר שטענדיג ווען איך האָב איין קריעג און העלפט מיר געווינען." דאַן האָט ער געפרעגט די אידען: „וואָס זייט איהר אהער געקומען?" האָבען זיי איהם געענטפערט: „איז דאָס מעגליך, אַז דאָס הויז, אין וועלכע מען בעט פאַר דיר און דיין רעגיערונג, אַז זי זאָל ניט חרוב ווערען, זאָלסטו אויף דעם ראַטה פון אונזערע פיינדע וועלען חרוב מאַכען?" דער ענטפער איז איהם זעהר געפעלען. און אָבוואָהל דאָז

Jew. And Alexander made the startling reply that in all his wars he sees the image of this High Priest going in front of him to win his battles. The Emperor then asked the Jewish delegation to state what they want, and the High Priest said: "Is it possible that the home in which the Jews pray for your health you shall allow to destroy?" On hearing this argument Alexander withdrew his permission given to the Samarites and the Temple was saved.

In the year 3616 Antioch Eppipanus came to the Holy Land and set out to what practically amounted the destruction of the Jewish race. He mercylessly killed men, women and children for no other reason but for being Jews. Fortunately, five years later relief came to the suffering Jews through the vigorous and heroic effort made by Yehudah known as the Maccabean, who raised a small volunteer army and succeeded in driving them out of the Holy Land.

In the year 3700 there was going on in the Holy Land a civil war waged by the followers of the two brothers, Hurkenus and Aristobles both

זיינען די אידען געווען אונטער זיין הערשאַפט, אָבער קיין שלעכטס האָט ער געטהאָן צו ירושלים. אָבער נאָך זיין טויט האָט תלמי זוטר, וועלכער האָט דאָן געזיעגט אַנטקעגען דעם קעניג סילייקוס, זיך געמאַכט, ווי ער וואָלט געווען דער פריינד פון די אידען און האָט בעזוכט די היילינע שטאָדט ירושלים. אָבער ווען ער איז געווען אין שטאָט, האָט ער זעהר פיעל ליידען פערשאַפט די אידישע נאַציאָן און ער האָט אויסגעראַבירט דעם גאַנצען רייכטהום און אַלע טייערע זאַכען פון עה"ק ירושלים תובב"א.

אין יאָהר 3616 איז אַרויף אויף ירושלים דער מערדער אנטיוכס עפיפנוס און האָט אונערבאַרעמליך פערניכטעט פיעל פון דער אידישער נאַציאָן, אָבער אין יאָהר 3621 האָט גאָט געהאָלפען דאָס אידישע פאָלק דורך יהודה המכבי, דער זוהן פון מתתיהו החשמונאי, דער כהן גדול, וועלכער איז געווען איין גרויסער העלד. ער האָט צוזאַמענגענומען אַ קליין ביסעלע אידען און מיט דעם קליינעם צאָהל האָט ער אָנגעפאַנגען אַ שלאַכט, אין וועלכען די אידען האָבען בעוויזען גרויסע העלדענטהאַטען און גאָט האָט זיי געהאָלפען, אַז זיי האָבען געזיעגט געגען די גרויסע גריכישע אַרמיי און זי פעריאָגט פון ארץ ישראל, און פון דאַן אָן האָבען די חשמונאים געקעניגט אויף די אידען.

אין יאָהר 3700 האָבען זיך אָנגעפאַנגען נייע צרות פאַר דער אידישער נאַציאָן דורך דעם „ברודער־קריעג" פון הורקנוס און אריסתובול און זיי האָבען גערופען די רוימער, זיי זאָלען מאַכען אָרדנונג. און די רוימער האָבען געמאַכט הורקנוס פאַר דעם קעניג פון די אידען, אָבער גאַנץ

of whom claimed the right to the throne. The war came to an end by their calling in Pompey to settle between the brothers, and though Pompey decided in favor of the former and made his position firm enough, he did not leave Palestine right after that, and, instead, put it under a Roman protectorate, a protectorate from which the Jews were not relieved until their land was entirely destroyed by the Romans and their independence brought to an end in the year 3828 by Titus who burned the Temple and the city of Jerusalem and those Jews who were not killed he exiled to Rome.

In the year 3862, Bar-Cochvah revolted against the Roman tyrany, and, at first, was successful in his attempt. He captured Jerusalem and declared himself King of the Jews. But 18 years after his revolt began, the Romans succeeded to break his resistance and practically annihilated his army at the battlefields of Beter, and thus made an end to any further attempt on the part of the Jews to revolt.

The Emperor Julian was favorably inclined towards the

ארץ ישראל איז שוין פאקטיש געווען אונטער דער הערשאפט פון די רוימער, און מיט זייער הילף איז הורדוס, וועלכער איז גאר געווען איין אדומי, געווארען קעניג פון די אידען. און אזוי האט זיך ירושלים געוואקעלט ביז טיטוס, וועלכער איז געווען דאן דער קעניג פון רום, האט איהר חרוב געמאכט אין יאהר 3828 און ער האט פערניכטעט אלע איהרע פעסטונגען און ער האט פערשוועכט אלע הייליגטימער פון די אידען.

אין יאהר 3862 האט דער בעריהמטער אידישער העלד „בר־כוכבא" רעוואלטירט געגען די רוימישע הערשאפט און גענומען ירושלים און האט זיך גלאזען קרוינען אלס קעניג פון דער אידישער נאציאן. אבער עס איז נאך דאן ניט געווען די צייט, אז די אידען זאלען שוין געהאלפען ווערען און נאך 18 יאהר, פון דער צייט וואס ער איז געווארען קעניג, האבען זיך די רוימער געשטארקט און זיי האבען אויסגע׳הרג׳עט פאסט אלע אידען פון דער גרויסער שטאדט ביתר, און די שטאדט ירושלים איז צוריק ארונטער אונטער זייער הערשאפט, און פון פיינדשאפט צו דער אידישער נאציאן, האבען זיי איהר א נאמען געגעבען „אעל יא קאפיט אלנע" און קיין אידען איז ערלויבט געווען אריינצוקומען אין ירושלים.

שפעטער האט געהערשט אין רוים א מלך־חסד, „קיסר יוליוס". ער האט פריי געמאכט די שטאדט ירושלים פאר די אידען. ער האט זאגאר געוואלט אויפבויען דעם בית המקדש, אבער ווי נאר די ארבייטער האבען אנגעפאנגען צו רייניגען דעם פלאץ און גראבען יסודות, זא האט איין

Jews. He permitted them to live within the city of Jerusalem, a thing which was forbtdden to them up to that time. He even attempted to rebuild the Temple, but owing to a fire that broke out in its ruins the work was stopped.

In the year 4459 Jerusalem was captured by the Crusaders and was held by them a short time and then fell in the hands of Egyptian Mahommedans, and then again to the Christians and so it changed hands several times till in the year 4502 the Turks captured it and it remained in their hands until our time, with the exception of a few interruptions, when it was held by the Khalifs of Egypt for a short time and was captured again by Sultan Splyman Otoman in the year 5600 and in the same year arrived in Jerusalem Rabbi Samuel Salant, who was Chief Rabbi of Jerusalem for 70 years.

Generally speaking we must admit the Jews were treated fairly well by the Turks, but the Turkish Government did not favor immigration of many Jews to Palestine, and cared very little for the development of the country.

פייער ארויסגעשאסען פון אונטער דער ערד און האט צושטערט די גאנצע ארבייט און האט אויך געטויט פיעלע פון די ארבייטער און מען האט דאן געמוזט אויפגעבען די ארבייט.

אין יאהר 4397 האט איהר איינגענומען דער כליף אמאר איבן קטף און ער האט איהר א נאמען געגעבען קודש.

אין יאהר 4459 האבען די נוסעי הצלב איהר איינגענומען. שפעטער איז ירושלים איבערגעגאנגען אונטער דער עגיפטישער הערשאפט, נאכהער וויעדער אונטער דער טערקישער הערשאפט און אזוי האבען זיך די הערשער פון ירושלים געביטען, ביז אין יאהר 4502 האבען איהר די טערקען איינגענומען.

אין יאהר 4628 איז זי געוועזן אונטער דער הערשאפט פון די כליפים פון עגיפטען. אין יאהר 4800 האבען איהר די טערקען וויעדער איינגענומען. שפעטער איז וויטער געוועזן איין רעוואלוציאן אנגעפיהרט פון דעם כידיו פון עגיפטען ביז אין יאהר 5600 ווען דער סולטאן סולייםאן פון די אטאמאן פאמיליע האט איהר איינגענומען און אין דעם זעלבען יאהר איז דער בעוואוסטער גאון און צדיק רבנו שמואל סלאנט אנגעקומען אין ירושלים. ער איז געוועזן דער טשיעף ראביי אין ירושלים תובב"א 70 יאהר. מען קען זאגען, אז די אידען האבען געלעבט גאנץ רוהיג אונטער דער טערקישער הערשאפט. זי האט אבער געשטערט דער אידישער איינוואנדערונג אין ארץ ישראל. זי האט אויך ניט געלאזט אויפבליהען דאס לאנד, נאר אין דער צייט פון דעם וועלטקריעג און ג'מל פאשא, וועלכער האט זיך געמאכט בעריהמט מיט זיינע מערדער־

During the World War the Jews suffered terribly under the yoke of Gemal Pasha, then military governor of the country. Through his persecutions the Jewish population of Jerusalem was reduced from 75'000 to 32,000. However, when the city was captured by the British troops under the command of General Allenby, relief came to the Jews and they are now enjoying liberty and justice.

THE GATES OF JERUSALEM.

The wall that surrounds Jerusalem has 5 gates through which one can enter the city.

The gate used most is called Jaffa Gate, for it is facing the road that leads to Jaffa. The Arabs, however, call it "Bab el Halil", which means the gate of Hebron.

The second gate is called the Gate of Neblus because it leads towards that city. The Arabs call it "Bab el Amud" because

ליבע טהאטען, האט אזוי פיעל צרות אנ־געטהאן די אידען אין גאנץ ארץ ישראל. אז זיי האבען אויף זיך געבעטען דעם טויט רח"ל. ער איז אויך פעראנטווארטליך וואס פון איין אידישער בעפעלקערונג אין עה"ק ירושלים תובב"א פון 75 טויזענד נפשות, זיינען געבליבען נאר 32 טויזענד נפשות ר"ל. ביז אין דעם יאהר 5678 דעם 24טען כסלו, האט דער בעריהמטער ענגלישער פעלד־מארשאל אלענבי איינגע־נומען ירושלים און ער האט זעהר פריינד־ליך בעהאנדעלט די אידען אין ירושלים אז ער האט זיי כמעט געמאכט פערגעסען אן זייערע צרות.

די טויערען פון ירושלים

דער מויער פון דער הייליגער שטאדט ירושלים האט ביי דיעזער צייט פינף טויערען אויסער איין טויער אין מזרח פון דער שטאדט, וועלכער רופט זיך „שער הרחמים", וועלכער איז פערלייגט מיט שטיינער און מען נוצט איהם ניט. דעם מויער האט געבויט סולטאן סאלים אין יאהר 5266.

דער הויפט־טויער ווערט גערופען „יפו׳־ער טויער", ווייל ער שטעהט אויף דעם וועג, וועלכער פיהרט פון יפו נאך ירושלים. די אראבער רופען איהם „באב איל חליל" ווייל ער שטעהט אויך אויף דעם וועג, וועלכער פיהרט נאך „חברון", וועלכען זיי רופען „חאליל".

דעם צווייטען טויער רופט מען שכם׳ער טויער, ווייל ער פיהרט אויף דעם וועג נאך שכם. די אראבער רופען איהם „באב

of the two pillars that are standing in front of it.

The third one is called the gate of Zion because it leads towards the ancient City of Zion. The Arabs call it the Gate of David.

The fourth one is called the Gate of the Lions, on account of the two marble lions which are placed on top of the gate.

The fifth one is called the Gate of the West, on account of the many Arabs of Western Africa who live around it.

Now all these gates are open day and night. Not long ago, however, they were closed up at night. The writer still remembers the time when no one could enter at night except for one small gate, through which only one person could pass at one time, and where a soldier always stood on watch.

David's Tower.

As soon as one enters the city, one sees a very old fortress, called "The Tower of David," which, as the legend goes, was built during the reign of King David. During the Turk-

איל עמוד", ווייל אויף איהם זיינען אויס־געהאקט צוויי שטיינערנע זיילען.

דער דריטער טויער רופט זיך ציון'ס טויער, ווייל ער פיהרט צו דער שטאדט ציון, וועלכע איז געוועזן די רעזידענץ פון די מלכי בית דוד און וואו די „קברי מלכי בית דוד" געפינען זיך. די אראבער רופען דעם טויער „באב איל נעבי דאהוד".

דער פיערטער טויער רופט זיך „לייבען־טויער", צוליעב די צוויי לייבען, וועלכע זיינען איבער איהם אויסגעהאקט. די אראַ־בער רופען איהם „באב איל סייבעט" צו־ליעב דער זעלבער אורזאכע.

דער פינפטער טויער רופט זיך „מערב־טויער" און די אראבער רופען איהם „באב איל מערבי".

צו היינטיגער צייט זיינען אלע טויערען אפען, נאר אמאל פלעגען די טויערען זיין אפען נאר בייטאג. איך, דער שרייבער פון דיעזע צייל‌ען געדענק נאך, ווען די טויערען פלעגען ווערען צוגעמאכט אין אווענד און נאר איין קליינער טויער, אין וועלכען נאר איין מענש פלעגט קענען דורכגעהן , פלעגט זיין אפען און איין סאל־דאט פלעגט שטעהן און אכטונג געבען ביי דעם טויער.

מגדל דוד

גלייך ווי מען קומט אריין אין דער היילינגע שטאדט ירושלים תובב"א דורך יפו'ער טויער, זעהט מען פאר זיך איין זעהר אלטע פעסטונג, וועלכע רופט זיך מגדל דוד, אויף וועלכע מען זאגט, אז דוד המלך האט איהר געבויט. אין דער צייט



David's Tower

מגדל דוד

ish rule, this fortress housed Turkish soldiers, and was also an ammunition storehouse.

Around this fortress is situated the richest business section of the city. Here also are found the most important hotels of the city. Also the center of the wood carving industry is situated near the Tower. This industry is one of the best paid in Jerusalem, because the

פון דער טערקישער הערשאפט איז דאָר־טען געוועזן די וואָהנונג פון די מיליטער. אויך האָט זיך דאָרטען געפונען די מאַגאַ־זינען פאר אַמוניציאָן.

לעבען דעם מגדל דוד שטעהען די גרעס־טע געשעפטס־הייזער פון שטאָדט אויך די שעהנסטע האָטעלען. אויך געפינט זיך דאָרט צו פערקויפען די פערשיעדענע האָלץ־שניצעריי, וועלכע איז איינע פון די בעסטע ביזנעס אין ירושלים, ווייל די

thousands of Tourists who visit the Holy City are ready buyers of these wood-carvings. This art work is done mostly by Jewish workingmen, while almost all the stores who sell it are owned by Moslems.

טויזענדע רייזענדע, וועלכע בעזוכען יעהר־ליך די היילינע שטאדט, קויפען גערן דיעזע שניצערייי און בעצאהלען גוט פאר דעם. די ארבייט ליגט אין אידישע הענד אין דער צייט, ווען די ביזנעס פון דעם ליעגט ביי קריסטען אין די הענד.



The West Wall.

This wall is the only structure that is left us of our Holy Temple, and here our brethren come daily for prayer and to ease their aching hearts.

The length of the wall, north to south, is 48 meters, only 28 of them being clear; the other 20 meters (11 in the north and

כותל המערבי

די כותל המערבי! דיעזע וואנט איז די איינציגע אנדענקונג, וועלכע איז אונז איבערגעבליבען פון אונזער „בית־המקדש". אהין קומען אונזערע ברידער זיך אויסוויינען זייערע טרויעריגע הערצער טאג טעגליך. די לענג פון דער וואנט פון צפון ביז דרום איז 48 מעטער, אבער נור 28 מעטער לאנג איז פריי, ניט פער־בויט. אבער די אנדערע 20 מעטער לאנג —11 מעטער אין צפון און 9 מעטער

אין דרום, זיינען פערבויט מיט טערקישע חצרים. אָבער ווען מען קומט ארויף אויף די רופס, וועלכע זיינען אנטקעגען דעם כותל, קען מען זעהן די גאנצע וואנט. עס איז אָבער נאָך דאָ 36 מעטער פון דער הייליגער וואנט, וועלכע איז פערבויט איז גאנצען פון טערקישע חצרים, נור אם ענדע אין קאָרנער וועסט־סאוטה איז ווייטער די הייליגע וואנט פריי, ניט פערבויט.. דאָרט קען מען זעהן א טהייל פון דעם בריק, וועלבען שלמה המלך האָט געבויט צו פער־איינינען זיין וואָהנונג אויף דעם „הר־ציון" צו דעם „בית־המקדש.". דער בריק רופט זיך יעצט „קשת ראבינזאָהן" אויף דעם נאָמען פון דעם מאן, וועלכער האָט עס אויסגעפונען אין זיין גראָבען ארום דעם „הר־הבית".

פערשיעדענע מיינונגען זיינען פערהאן איבער דער לענג פון כותל מערבי. איינינע גיבען אָן אז זי איז לאנג 500 מעטער. אנדערע ווידער גיבען אָן, אז זי איז 450 מעטער. און וויפיעל האָט מיר מיין הארץ געבלוטעט, ווען איך בין געגאנגע מיט מיין ברודער החכם הר' י. סלאנט נ"י אין דער בעגלייטונג פון הרב החכם הרי"מ טיקאָצינסקי נ"י, זעהענדיג, אז נאָך ביז היינט האָבען זיך נאָך ניט געפונען קיין איינער פון אונזערע אידען, וועלכער האָט מיטלען דערצו גוט נאָכצוזוכען און ריכטיג בעשרייבען אונזערע הייליגטימער ווען מען געהט ארום די שטאָדט אויסען פון דעם מויער, קען מען זעהן גאנץ אונטען ביי דער ערד א גאנצע צייל שטיינער, אזוי ווי די שטיינער פון דער כותל מערבי, וועלכע פעראייניגט די וואנט פון כותל מערבי

9 in the south) are hidden from view by Turkish buildings. A clear view of the whole wall is obtained from the roofs of those buildings. There are also 36 meters more of this wall, which are entirely hidden by Turkish structures, and only the southwest corner is clear. From this corner could be seen partly the bridge that King Solomon built to serve as a passage from his dewlling place and Mount Zion to the Holy Temple. This bridge is called now "Robinson Bridge," taking its name from the man who first discovered it while excavating.

There are several opinions about the length of the wall. Some say its entire length is 500 meters, while others are of the opinion that it is only 450 meters long. The exact length of this wall, and the existence of our other holy relics have not been discovered yet, as I sorrowfully found out while visiting the holy places in company with my brother and Rabbi Tikotzinsky.

When one walks outside the city, one can see at the base of the wall encircling the city, stones very much similar to the

stones of the West Wall which unitesi the West Wall with the south and East Walls.

If there is one among my readers who is rich enough and has a willing heart to continue in the exploration of our Holy Relics, he will find in me a ready co-operator and helper.

The height of the West Wall is 18 meters, the lower 9 rows of stone being 12 meters high. These lower rows are composed of stones, each one being 1¼ meters high, and 1½ meters long, their thickness being equal to their length. Some stones, however, are longer than the rest, being -5 meters long.

There are 14 more rows of stones close to these 9 rows. They are about 6 meters high and were added to the old stones mostly by the Kaliph Omar, who built a mosque on the place where the Holy Temple was situated. Of these 14 rows the very top few rows were built by the Sulton Suliman.

The greatest part of the West Wall, however, is buried in the ground. Nineteen rows of very large stones are buried in the ground, and they could very plainly be viewed from

מיט דעם כותל הדרומי און דער כותל המזרחי פון הר הבית, און פיליכט געפינט זיך יעמאנד פון די לעזער, וועלכער האט די מיטלען, בין איך גרייט מיטצוהעלפע אין דער הייליגער ארבייט.

די הויך פון דעם כותל מערבי איז 18 מעטער. די אונטערשטע 9 צייל֜ען שטיינער האלטען 12 מעטער הויך. זיי זיינען גרויסע אלטע שטיינער, יעדער איין שטיין איז הויך איין ערך 1¼ מעטער און די לענג איינס און א האלב מעטער און ווי עס קוקט אויס איז זייער דיק אזוי ווי זייער הויך, אויסער איינינע, וועלכע זיינען לאנג 4־5 מעטער. העכער פון די 9 צייל֜ען שטיינער זיינען פערהאן נאך 14 צייל֜ען קליינע שטיינער אין די הויך פון אן ערך 6 מעטער, וועלכע זיינען פון דער צייט פון כליף עומר, וועלכער האט געבויט איין מאשעע אויף דעם פלאץ פון אונזער בית־המקדש. און פון זיי גאר די אויבערשטע זיינען פון דער צייט פון סול־טאן סולימאן. אבער דער גרעסטער טהייל פון הויך פון דעם כותל מערבי איז איינ־געגראבען אין דער ערד. דארטען געפינט זיך נאך 19 צייל֜ען זעהר גרויסע שטיי־נער. מען פלעגט זיי קענען זעהן אין דער צייט, ווען עס איז געוועז אפען א גרויסע הייל, אין וועלכער מען פלעגט ארונטער־געהן מיט איין לייטער פיעלע שטיינער זיי־נען פון אלטקייט און פיליכט צוליעב דעם חורבן, אבגעהאקט ביי זייערע ברעגען און איבערהויפט די צווייטע און די דריטע צייל איבער דעם פלאר, אין וועלכע פיעלע פון אונזערע געסט שלאגען אריין משווע־קעס אדער שרייבען און קריצען אויס זייערע נעמען אויף די שטיינער, וואס דאס

the deep cave situated near the wall, where one had to enter by means of a ladder.

Many stones, mostly of the second and third rows above the floor, have their corners broken off because of their great age. These 2 rows of stones are covered with names which were carved out by the tourists, which is forbidden by the Jewish law, which permits the visitors only to take flowers and grasses as a remembrance.

The following story is told about this Holy Wall by מהר"ם חאגיז who, in turn, heard it from one of the Turkish scholars.

In 5300 the Sultan Suliman conquered Jerusalem and chose for his dwelling the place where our Sanhedrin used to sit now known as מחכימאת שעריאת

Once, the Sultan noticed an old woman emptying a pail of refuse near the Holy Place. This angered him very much and he ordered the woman brought before him.

*) The opinion of Rabbi Tikotzinsky.

איז נאָך פיעלע מיינונגען ניט ערלויבט נאָך דעם אידישען דין *), אָבער דאָס ערלויבט אונזער דין צו נעהמען פון די גראָז, וועלכע וואַקסט אויף דעם כותל פאַר איין אָנדענקונג.

און דאָס וואָס עס ווערט דערצעהלט וועגען דעם כותל מערבי פון מהר"ם חאגיז, וועלכער האָט דאָס געהערט פון איינעם פון די געלערנטע טערקען. אין יאָהר 300 פון דיעזען טויזענד, ווען סול־טאַן סלימון האָט איינגענומען די שטאָדט האָט ער פאַר זיך אויסגעקליבען פאַר איין וואוינונג דעם פּלאַץ, וועלכער רופט זיך ביי דיעזער צייט „מחכימאת שעריאת". דאָס איז די „לשכת הגזית", אין וועלכער אונזערע סנהדרין זיינען געזעסען און האָ־בען פערשפּרייט די ליכט פון דער תורה פאַר די גאַנצע וועלט.

איין מאָל האָט ער געזעהן, ווי איין אַל־טע פרוי ליידיגט אויס אַ גרויסען זאַק מיט מיסט לעבען דעם מקום המקדש. זאָ האָט דאָס איהם זעהר פערדראָסען. דאָס מען זאָל האָבען זאָ איין נערוו אָנ־וואַרפען מיסט אויף דעם אָנגעשאָטענעם באַרג, זאָגאַר אין דער צייט ווען ער וואוינט ניט ווייט. ער האָט גלייך געהייסען איהר אַריינרופען, און די אַלטע האָט זיך גע־נומען פערענטפערען, אַז זי האָט ניט גע־וואוסט, אַז דער סולטאַן וואָהנט ניט ווייט און אַז זי שטאַמט פון די רומאים, וועלכע וויל זיי האָבען ניט געקענט אָפּמעקען דעם דעם אָנדענקען פון דעם כותל מערבי, האָבען זיי זיך געמאַכט פאַר איין געזעץ, אַז יעדער פון די רוימער זאָל מוזען

*) הערת החכם הרי"מ טוקאָצינסקי נ"י.

When she was asked how she dared to empty refuse near the Sultan's dwelling, she excused herself, stating that she had no knowledge that the Sultan lived there. She also told that, being of Roman origin, she was only following the Roman custom, whereby each inhabitant of the city had to empty his refuse near the West Wall every day, and those living outside of the city had to bring there his refuse twice a week, while those living at a distance of three days' journey from the city had to bring his refuse to that place every 30 days.

The Sultan then placed watchmen around the Holy Place and in the following days many more persons were caught and arrested for emptying refuse there.

These were brought before the Sultan, who told them that, if any one of them was ever again caught emptying refuse near his dwelling he will be shot. Several persons did not obey the Sultan, and those were shot, their bodies cut up in several pieces and these hung on the city wall, as a warning to others.

Then the Sultan issued a

ברענגען א זאק מיסט און שיטען אויף דעם פלאץ און יעדער פון די שטאָדט איינ־וואָהנער מוז אלע טאָג ברענגען, און די וועלכע וואָהנען ארום די שטאָדט צוויי מאָל אין וואָך, און וועלכע דריי טאָג ווייט מוזען ברענגען איין מאָל אין 30 טעג, און אזוי ווי די אלטע וואָהנט צוויי טעג ווייט און מיט פיעל מיה און מאטערניש איז איהר אָנגעקומען צו ברענגען דעם זאק מיסט. דאן האָט דער סולטאן גע־שטעלט וועכטער, וועלכע אין פערלויף פון אייניגע טעג האָבען זיי געכאפט נאך לייטע, וועלכע זיינען געוועזן פון די רוימער וועלכע האָבען געבראכט מיסט צו ווארפען אויף דעם הייליגען פלאץ.

מען האָט די אלע לייטע ארעסטירט און דער סולטאן האָט געגעבען איין בע־פעהל, דאס יעדער ווער עס וועט וואגען צו ווארפען שמוץ אויף דעם הייליגען פלאץ וועט ער ווערען געטויטעט. און עס זיינען געוועזן עטליכע וועלכע האָבען ניט גע־פאָלגט דעם סולטאנ׳ס בעפעהל, האָט מען זיי געטויטעט און צושניטען אויף שטיקער וועלכע מען האָט אויפגעהאנגען ארום דער שטאָדט, כדי אז קיינער זאָל וואגען מעהר אזעלכעס צו טהאָן.

נאכהער האָט דער סולטאן געהייסען אויסרופען, אז יעדער ווער עס איז צו־פריעדען פון סולטאן און וויל איהם גע־פעלען, זאָל העלפען אָפּראמען דעם אָנגע־שאָטענעם בארג. און דער סולטאן אליין האָט גענומען איין קארב מיט איין שאָפעל און האָט זיך געשטעלט ראמען דעם בארג. און יעדער ווער עס האָט געזעהן דעם סול־טאן ראמען דעם בארג, האָט זיך אויך גע־שטעלט ראמען דעם בארג. דער סולטאן האָט אויך אונטערגעאיילט די, וועל־

כע האבען געארבייט. ער האט אויך אויסגעשאטען זילבערנע און גאלדענע מטבעות, און די לייטע, וועלכע האבען דאס געפונען, האבען גערענקט, אז עס מוז זיך דארטען געפינען איין אוצר. זא האבען זיי מיט מעהר פלייס געראמט און עס זיינען אויך דעריבער געמעהרט גע־ווארען די ארבייטער מעהר פון צעהן טויזענד מאן, זא דאס אין צייט פון 30 טעג האבען זיי געפונען דעם כותל מערבי ווי מיר זעהען דעם כותל היינט.

אויף דיעזען פלאץ קומען אונזערע ברי־דער מתפלל זיין אין איין עת צרה רח״ל און אויך בעטען זיי שטענדיג לעבען דער היילינער וואנד פאר זיך, פאר זייע קרובים און גוטע פריינד אין חוץ לארץ און האפען און גלויבען אין השי״ת, אז ער וועט אננעהמען זייערע בקשות ותפלות אזוי ווי שלמה המלך האט געבעטען, אז יעדער מענש, וועלכער וועט איין שווערע הארץ האבען ח״ו און ער וועט קומען צו דיעזען פלאץ און ער וועט אויסשפרייטען זיינע הענד צו דיר, זאלסטו איהם הערען פון דיין הימעל און איהם פערגעבען זיינע זינד און טהאן זיין בעגעהר.

מקום מקדשנו
הר הבית

דער הר־המוריה, דער פלאץ, וואו דער בית המקדש איז געשטאנען, ווערט אנ־גערופען פון די אראבער על־האראם־על שעריף. די לענג פון דעם הר־המוריה איז 482 מעטער, און די ברייט 302 מעטער. אין מיטען שטעקט ארויס דער הר הבית, און ער איז אויסגעפלאסטערט מיט גלאטע

proclamation which stated that everybody who is pleased with the Sultan, and also wants to please him, should help to remove the refuse from the Holy Place. The Sultan himself took a shovel and a pail and cleaned. As a further encouragement, the Sultan ordered to scatter gold and silver coins around the place. The workmen, seeing the coins, thought that a treasure is buried there and dug with more will, while the number of diggers reached 10,000. In the course of 30 days they uncovered the wall as we see it today.

To this wall our brethren come to pray every day for themselves and their relatives outside of Palestine, remembering the prayer of Solomon to God, to help all those who come to the West Wall to seek aid.

The Mount of the Holy Temple

The Mount Moria, where the Holy Temple was situated, known now by the Arab name "El - Haram - el - Sheriff,' ' is 482 meters long, 302 meters wide, and has in the centre a mountainous projection, called



The Mount of the Holy Temple

הר הבית מקום מקדשנו

the mount of the Holy Temple. This projection is paved with broad, flat stones and contains also the famous Musque Omar, named after its founder, the Sultan Omar Iben Hatav. The Mahomedans call this mosque El-Zamra and believe that it stands on the stone א ב ן ש ת י ה The Jews believe that this mosque stands on the place where the Holy Temple was situated. South of this mosque is another one called El Akza, which is sometimes caled מדרש שלמה.

בּרייטע שטיינער. דאָרט איז אויך ער־ריכטעט די בעריהמטע מאָהאַמעדאַנישע געבעט־הויז, בעקאַנט אונטער דעם נאָמען די „אָמאַר־מאָשעע“, נאָך דעם גרינדער אָמאַר איבען חאַטאַב. די מאָהאַמעדאַנער רופען עס „אל־צמרה“, און זיי גלויבען, אַז די מאָשעע איז געבויט אויף דעם „אבן שתיה“. מיר אידען דענקען, אַז די מאָשעע שטעהט אויף דעם פּלאַץ פון „בית־המקדש“. אין דעם דרום־זייט געפינט זיך די מאָשעע „אל אקצא“, פערהאַן וועל־כע רופען עס על פּי טעות „מדרש שלמה“.

In the olden times it was strictly forbidden for any one, not a Mohamedan, to enter the Mosque, under pain of death, Since 5616, however, everybody is allowed to enter the Mosque. The Jews, however, do not avail themselves of this opportunity, because the religion forbids the entrance to the "Mount of the Holy Temple."

The Ruins of "Judah the Pious"

Were it possible for stones to talk, then these stones would have told terrible stories. They would have told the tourists of the terrible sufferings that our Jewish pioneers experienced while endeavoring to settle down in the Holy City. And yet these stones fill us with pride! Just think of the great thing that a small handfull of men did! They started the successful movement of the Jewish settlement of Palestine!

Sixty years after the initiation of the Jewish settlement, three quarters of the inhabitants of Jerusalem were Jews, and also the famous Jewish colony פתח תקוה was already flourishing.

אין דער פאריגער צייט איז דער אריינגאנג אויף דעם הר הבית פאר יעדען מענשען וועלכער איז ניט געווען קיין מאהאמעדאנער געווען פערבאטען מיט טויט־שטראף, נאר אין יאהר 5616 איז דער פערבאט ארונטערגענומען געווארען און מען ערלויבט יעדען אריינגעהן אויף דעם „הר־הבית". נאר מיר, אידען, געהען ניט אריין אהין, ווייל אונזער רעליגיאן פערבאט אונז דאס אריינגעהן אויף דעם „הר־הבית".

חורבת ר' יהודה החסיד

ווען שטיינער וואלטען געקענט ריידען, ווען מויערען וואלטען געהאט מיילער, דאן וואלטען אט דיעזע שטיינער און מויערען פון דער „חורבה" געקענט דערצעהלען שוידערליכע געשיכטען. זיי וואלטען געקענט דערצעהלען דעם טוריסט א גאנצע רייהע פון צרות און ליידען, וועלכע אונזערע ברידער, די פיאנערען, האבען געליטען זיך בעזעצען אין דער הייליגער שטאדט, אבער אין דער זעלבער צייט פיהלען זיי אויך אן די הערצער מיט פרייד און האפנונג, ווען אזא קליינע הייפעלע אידען נאך אזוי פיעל ליידען האבען געקענט אזוי פיעל אויפטהאן און געמאכט אזא גרויסע בעוועגונג צווישען אונזערע אידען אין גלות, מען זאל פאהרען זיך בעזעצען אין ארץ ישראל, דאס מיר געפינען, אז שוין מיט 60 יאהר שפעטער זיינען דריי פיערטעל איינוואהנער פון דער הייליגער שטאדט ירושלים תובב"א געווען אידען, און האבען שוין געהאט די בעריהמטע קאלאניע „פתח־תקוה".



The Ruins of Judah The Pious"

חורבת רבי יהודה החסיד זיע"א

This took place long before the famous Dr. Herzl founded "Zionism."

In 5562 this first settlement of Ashkenaz Jews was founded by the pupils of the Goan גר"א ז"ל Rabbi Mandel Shklaver and Rabbi Israel Shklaver (my great-grandfather), the Editor of תקלין חדתין ופאת השלחן These were the leaders of the

דאָס איז געווען נאָך בעפאָר דער בע־ריהמטער דר. הערצל איז ארויסגעקומען מיט זיין בעוועגונג, וועלכע רופט זיך אָן און מיט רעכט, „ציוניזם".

אין יאָהר 5562 איז געגרינדעט געוואָ־רען דיעזער ישוב פון די אשכנזישע גע־מיינדען, דורך די תלמידי הגר"א ז"ל. הגאון הרב ר מנחם מענדיל שקלאָווער און הגאון הרב ר' ישראל שקלאָווער (מיי־נער איין עלטער-זיידע), דער בעל „תקלין־חדתין" ו„פאת-השלחן", וועלכע זיינע גע־ווען די פיהרערס פון א גאַנץ קליינער גרופּע אידען, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען נאָך תלמידים פון גר"א ז"ל. הרב ר' בנימין ריבעליש והרב ר' סעדיא.

small group of Jews among whom were other pupils of the גר"א ז"ל as Rabbi Benjamin Ribelish and Rabbi Saadiyo, who came in order to settle down in Jerusalem.

During the first twenty years these Jews lived in the place where the Yeshivah of the famous Rabbi חיים ן' עטר ז"ל, the author of the book אור החיים was situated.

Although the wish of their Rabbi הגר"א ז"ל to settle in Jerusalem did not materialize, yet this wish alone made his faithful pupils to abandon their good positions and numerous friends and settle in Jerusalem. Their friends did not believe that they will not be able to overcome the hardships of such a long journey, and tried with all their might to persuade the Rabbies not to settle in Jerusalem, but all their efforts were unsuccessful.

Hardly had these brave pioneers overcome the long and painful journey when new and worse sufferings began for

וועלכע זיינען געקומען זיך בעזעצען אין ירושלים. אין די ערשטע 20 יאָהר האָבען זיי געהאַט געדונגען פאַר א וואָהנונג דעם חצר, וואו עס איז געווען די ישיבה פון הגאון הרב ר חיים ן' עטר, בעל „אור־החיים", וואו זיי האָבען געהאַט זייער בית המדרש אין דער הויז פון דער ישיבה.

דער ווילען פון זייער רבי הגר"א ז"ל אַרויפצוגעהן נאָך ארץ ישראל, און אָבּ־וואָהל עס איז איהם ניט געלונגען אויס־צופיהרען זיין וואונש, דאָך האָט דאָס גע־מאַכט זעהר איין גרויסען איינדרוק אויף זיינע תלמידים, אַז זיי זאָלען נאָך זיין פטירה ברענגען זאָ איין גרויסען קרבן פאַר ארץ ישראל, אַוועקצואוואַרפען זייער גרויסע פּאָזיציאָן, וועלכע זיי האָבען פער־נומען אין גלות און אויך פערלאָזען אַלע זייערע פריינד און פערעהרער און ארויפ־געהן נאָך ארץ ישראל.

אַ שטורם פון בעוואונדערונג האָט אַרויסגערופען זייער בעשלוס ביי אַלע זייערע פריינד און פערעהרער. קיינער האָט ניט געוואָלט גלויבען, אַז זיי וועלען איבערקומען אַלע שוועריגקייטען, וועלכע עס איז געווען דאַן די רייזע נאָך ארץ ישראל און דעריבער זיינען פיעלע פון זייערע פריינד געווען, וואָס האָבען אָנגע־ווענדעט אַלע זייערע קרעפטען און איינ־פלוס, אַז זיי זאָלען ניט פאָהרען נאָך ארץ ישראל, אָבער זיי איז ניט געלונגען איבערצומאַכען זייער בעשלוס.

פיעל, פיעל האָבען זיי געליטען, מאַכענ־דיג די רייזע אויף דעם ים אויף אַ ווינט־שיף, און ווען זיי זיינען שוין געקומען

them. Four times successively they were driven out of Jerusalem. Three times in succession Rabbi Schklaver came back to Jerusalem with his company, but the fourth time death overtook him in Tebaria and his son-in-law Rabbi Isai Bardaki became the head of the Jewish community.

A terrible story is told about his arrival in Jerusalem. While he was on the sailing vessel on the way to Jaffa with his 2 children, a boy and a girl, a terrible storm broke out and the ship began to sink. Everybody jumped into the ocean and swam for their lives, while Rabbi Bardaki, knowing that it is impossible to save both children resolved to leave his girl aboard the sinking ship, while he took his little son in his arms and jumped into the ocean, thinking that a boy is a

נאך דער הייליגער שטאדט ירושלים תובב"א, האבען זיי אויך פיעל געליטען.

פיער מאל האט מען זיי ארויסגעטריבען צוזאמען מיט מיין גרויס פאטער הגאון הרב ר' ישראל שקלאווער זצ"ל; דריי מאל איז רבי ישראל צוריקגעקומען, אבער דעם פיערטען מאל איז ער שוין פערבליבען אין טבריא, וואו ער איז נפטר געווארען, און זיין איידעם, מיין גרויס־פאטער הגאון הרב ר' ישעי' בארדאקי ז"ל איז געווארען דער ראש העדה.

איין נערווען־ערציטערענדע ערצעהלונג איז פערבונדען מיט זיין קומען נאך ירושלים. ער מיט זיינע צוויי קליינע קינדער, איין אינגעלע און א מיידעלע, האבען זיך געפונען אויף איין בעזונדער זעגעלשיף און איינigע שטונדען רייזען פון עה"ק יפו תובב"א האט אויסגעבראכען איין שטורם, און די שיף האט זיך גענומען טרינקען. זא האבען די רייזענדע זיך גענומען צום שווימען. דער זיידע ר' ישעי' בארדאקי האט זיך ניט פערלארען און זיך גענומען בערעכענען, אזביידע קינדער איז אונמעגליך פאר איהם צו רעטען, אלזא וועלכען קינד איז מעהר מצוה צו רעטען, דעם אינגעל צי דאס מיידעל, און בעשליסענדיג, אז דעם אינגעל איז מעהר מצוה צו רעטען, האט ער גענומען דעם קינד פאר א האנד און איז ארייגעשפרונגען אין ים. אבער די קליינע מיידעלע האט אנגעהויבען וויינען: „פאטער, וואס לאזטו מיר איבער אליין?" און ארייגשפרינגענדיג אין ים, האט זיך איהר געלונגען אנצוכאפען מיט איהרע ביידע הענטעלעך ארום דעם האלז פון איהר פאטער. איהר פאטער פיהלענדיג, אז דאס מיינט

א זיכערער טויט פאר זיי אלעמען, האט אויפגעהויבען זיינע אויגען צו הימעל: „רבש"ע", האט ער געזאגט, „עס קען זיין על פי דין דארף איך איהר אבשטויסען, כדי איך מיט דעם אנדער קינד זאלען זיך קענען רעטען, אבער, רבש"ע, זיי מיר מוחל איך בין א פאטער און איך קען ניט מיט מיינע אייגענע הענט טויטען מיין קינד", און נאך איינינע מינוט האבען זיי זיך אנגעהויבען טרינקען, און השי"ת האט געטהאן א נס, אז עס איז אונטערגעקומען איין אנדער שיף און אבוואהל די שיף איז געוועז אונטערוואָרפען א גרויסע געפאהר, זיך אבשטעלען אין די צייט פון א שטורם דאך האט זי געסטאפט און זיי ארויפ־גענומען אויף דער שיף און נאך איינינע שטונדען זיינען זיי אנגעקומען אין עיה"ק יפו תובב"א.

דורך דער צייט וואס ער איז געוועז דער ראש העדה, האט ער פיעל אויפ־געטהאן פאר אונזערע ברידער אין ירושלים תובב"א. ער איז געוועז עסטרייכישער „וויצע קאנסול" אין ירושלים, ער האט אויך געקויפט איין חצר אין ירושלים, וועלכער רופט זיך נאך היינט ר' ישעי'ס חצר". דער חצר איז געוועזן איין נדבה פון דעם בעריהמטען נדיב און נשיא ירושלים אין דער שטאדט אמסטערדאם הרב ר' צבי לעהרין ז"ל, וועלכער האט צו דיעזען צוועק געגעבען 25 טויזענד פראנק (געפינען זיך אזעלכע נדיבים אין אמעריקא? אויב יא, ביטע רופט זיך אב, איך בין גרייט צו העלפען די יעניגע מיט לייב און זעעלע).

דאן זיינען אויך געוועזן צוויי צדדים, איינע אין וועלכעם שפיצע עס זיינען גע־

more useful member of the community than a girl. The little girl, however, began to call to her father, and jumped after him into the water, encircling her father's neck with both hands. Rabbi Bardaky although feeling that if he did not disengage his little daughter they will all be drowned, lifted his eyes to the heaven and said, "Although I am aware that the law requires me to leave my daughter in order to save my son and myself, yet forgive me, God, my fatherly heart does not permit me to do so." Fortunately, another ship passed by and, although endangering herself by stopping in such a storm, it saved the Rabbi and his two children.

During his leadership of the Jewish community in Palestine, Rabbi Bardaki achieved great things for the Jerusalem Jews. He also bought an estate in Jerusalem, which is even now known as "Isaia's Estate," the money for this purpose being donated by the famous philanthropist Rabbi Hirsh Lehren of Amsterdam.

(Are philanthropists of such calibre to be found in America? If there are, then let

them respond, and I am ready to help them with body and soul).

Two factions were then existing. One, headed by Rabbi Nathan, son of Rabbi Mandel Schklaver, and by Rabbi Salomon Zirf, demanded that the Turkish Government should be requested to return to the Jews the ruins of "Judah the Pious," which was bought in 5450 by Judah the Pious for the Jews.

The other faction, headed by my grandfather, Rabbi Isaia Bardaki and by Rabbi Nathan son of Rabbi Saadi, the pupil of the famous Rabbi הגר"א ז"ל was of the opinion that, inasmuch as there was no guarantee of the successful outcome of the trial, the money that the venture will cost should better be spent in buying another estate for the Jewish settlement.

Both factions went ahead with their separate plans and both efforts were crowned with success, and both factions lived to see a great synagogue arise in the midst of the remains of "Judah the Pious," which is the largest synagogue in Jerusalem and the most beautiful one in all the world.

שטאנען הרב ר' נתן נטע, דער זוהן פון הגאון ר' מנחם מענדיל שקלאווער ז"ל, און הר' זלמן צורף ז"ל, וועלכע האבען געזאגט, אז מען זאל זעהן ווירקען אויף דער רעגיערונג, אז זי זאל אומקעהרען צוריק צו זיי די „חורבה", דאס איז די „חורבת רבי יהודה החסיד זצ"ל", וועלכער איז געקומען אין ירושלים אין יאהר 5450 און וועלכער האט דאן די חורבה געקויפט פאר די אידען.

און דער צווייטער צד, וועלכע אן די שפיצע זיינען געווען מיין גרויס־פאטער הגאון הרב ר' ישעי' בארדאקי זצ"ל און הרב ר' נתן נטע, דער זוהן פון הרב ר' סעדי' תלמיד הגר"א זצ"ל זיע"א, האבען געזאגט, אז ווי באלד עס ליעגט אין ספק צי מען וועט קענען קריגען די „חורבה". וזאגאר אפילו אז מען וועט מאכען גרויסע עקספענסעס איז מען אויך ניט זיכער, אז מען וועט אומקעהרען די „חורבה" צו זיי איז בעסער די געלד, וועלכע מען דארף אויסגעבען אויף דעם משפט אנצופיהרען, קויפען איין אנדער חצר, וואס דאס קען מען קויפען זיכער.

ביידע צדדים האבען מצליח געווען, אי די האבען געקויפט דעם גרויסען חצר, און די האבען אויך געקראגען די זכיות פון דער „חורבה", אויף וועלכער מען האט אין יאהר 5624 אויפגעבויט די גרויסע שוהל „בית יעקב", וועלכע איז די גרעסטע שוהל אין ירושלים און די שעהנסטע אין דער גאנצער וועלט.

דאן זיינען שוין די אידען אין ירושלים געווען דער גרעסטער טהייל פון די איינ־וואהנער, דען ווען אונזערע ברידער אין די גלות־לענדער האבען געהערט, אז די תלמידי הגר"א ז"ל איז געלונגען און זיי

זיינען אָנגעקומען אין ירושלים, האָט זיך אָנגעהויבען אַ גרויסע בעוועגונג צווישען זיי צו פאָהרען נאָך ארץ ישראל. מיר זאָגען, און מיט רעכט, אַז דער פאָטער פון איצטיגען ישוב אין ארץ ישראל און אַלעס וואָס עס וועט מיט השי"ת הילף ווערען געטהאָן אין ארץ ישראל פאַר דעם בענעפיט פון דעם ישוב, געהער אַלס צו דעם קרעדיט פון דעם הייליגען גאון ר' אלי' פון ווילנא זצוק"ל זיע"א, און ווער ווייס פיליכט איז דאָס געוועזן זיין זכות, וועלכער האָט מגין געוועזן, אַז דער ישוב זאָל ניט אָבגעבראָכען ווערען חלילה, יאָ די קרבנות! וואָס זיי, די תלמידי הגר"א ז"ל האָבען זיך אַליין מקריב געוועזן אויף דעם מזבח פון ישוב ארץ ישראל, האָט ניט געקענט בלייבען אָהן אַ ווירקונג אויף די אידען אין דער גאַנצער וועלט. איך וואָלט זעהר געוואָלט, אַז די היינטיגע זעלבסט־געקרוינטע פיהרער זאָלען לעזען מיינע דיעזע ציילען און זיך אָרויסנעהמען איין מוסר השכל, אַז מען קען ניט זיין קיין גוטער „ציוניסט" און בפרט איין פיהרער, זיצענדיג אין אמעריקא און לעבענדיג אַ גוטען טאָג. ניין, אַ פיהרער קען נאָר זיין אַ איד, וועלכער וואָהנט אין ארץ ישראל און ארבייט פאַר ארץ ישראל אין ארץ ישראל, וד"ל.

ביהכנ"ס בית יעקב

איך, דער שרייבער פון דיעזע ציילען, האָב אין דער צייט פון מיין גלות דורכ־געוואַנדערט פיעלע קהלות און די רייכסטע שוהלען בעזוכט, און איך האָב ניט געפונען איין שוהל אזוי שעהן און אזוי רייך געבויט ווי די שוהל בית יעקב. איך ארבייט שוועער אין צרכי צבור און לאַנגע־לאַנגע

It did not take very long for the Jews to become the prevailing nationality in Jerusalem, because as soon as the Russian Jews became aware of the successful arrival of the pupils of הגר"א ז"ל in Palestine, many more Jews went to Palestine. We are justified, then, to say that the father of the Jewish settlement in Palestine was the famous Goan of Vilna, הגר"א ז"ל and possbliy it is only to his efforts that we owe the successful settlement of Palestine.

We also owe a great deal for the successful settlement of Palestine to the pupils of הגר"א ז"ל who sacrificed everything for the success of the venture.

Let the modern self-styled Jewish leaders have these brave pioneers in mind, and let them learn that, in order to be a Zionist and leader of Jews, one must work for Palestine and live in Palestine.

The Synagogue בית יעקב

I, the author of this book, traveled through a good many Jewish communities in Europe and America, but I never met a synagogue as beautiful and grand as this synagogue.



The Synagogue "Beth Jacob"

Wherever I go and wherever I rest I always have this synagogue in mind. Many were the times when I came home late and tired, and thought of giving up this miserable and poorly paid work of collecting money for the relief and support of Jerusalem, because there are many people who misjudge such men, but as soon as I remind myself of this beautiful synagogue, I get a new will and new courage to continue my work.

My heart is filled with sorrow when I realize that I am not master enough to describe

בית הכנסת הגדולה „בית יעקב"

שטונדען, איך קום שטענדיג אין מיין דער־וויילינער וואָהנונג שפּעט אין אָוועגד, דאָך האָט זיך מיר ניט געטראָפען, אז איך זאָל זיך לייגען שלאָפען און ניט טראַכטען וועגען דער שוהל. עס איז אמת, עס גיט אין אונזער הייליגער שטאָדט תובב"א פיע־לע גרויסע בתי חסדים, וועלכע זיינען א וואונדער ווי זיי זיינען אויפגעשטעלט גע־וואָרען, אָבער נאָך מעהר וואונדערט מיר אויף דער שוהל. און פיעלע צייטען ווען איך ווער מיעד און איך דענק אויפצו־געבען מיין אַרבייט, דאַן קומט די שוהל און ווי נאָר איך דערמאָהן זיך פון דער שוהל, זאָ קריעג איך ווידער מוטה, און שעם זיך פאר זיך אליין, פאַר מיין שוואַ־כען כאַראַקטער אויפצוגעבען די הייליגע אַרבייט, וועלכע איך טהו, אָבוואהל עס בע־צאָהלט זיך ניט און אויך ניט מיט אַזוי

פיעל כבוד, דען בעוה"ר עס גיעט נאָך לייר־דער מענשען סיי אין ירושלים און אין חו"ל וועלכע פערשטעהען נאָך ניט ווי מען דארף רעספעקטירען א יונגען מאַן. וועלכער גיט אויף פיעל צייט פון זיין צייט פאַר טובת הכלל. יא, די שוהל! די שוהל גיט מיר דעם מוטה צו ארביי־טען ווייטער און ווייטער.

עס פערדריסט מיר יעצט, וואָס איך בעהערש ניט די פעדער־קראפט ארויס־צוגעבען אלע מיינע געדאנקען וועגען דער שוהל„ און ניט איין מאָל האָב איך מיט פערדרוס געטראַכט, ווי קענען מענשען טהאָן זאָ איין נודנע זאך ווי שרייבען, וועלכע מוז געטהאָן ווערען לאַנגזאַם אין דער צייט וואָס דער מח טראַכט דורך געשווינד הויכע רעיונות, וואָס וואָלטען פערנומען הונדערטע בלעטער געשריבען, קען די האנד נאָר אָנשרייבען קוים איין בלאט, און אויך האָט דאָס ניט אזוי פיעל פון דער נשמה וויפיעל איין געדאַנק געטראַכט מיט דעם מח, זאָגאַר דער מויל קען ניט נאָכהאלטען דעם מח און ווי שוין די פען. ניין, עס איז ניט אין קיין מענ־שענ'ס קראַפט ארויסצוגעבען מיט דער פעדער איינינע געדאַנקען, וועלכע זאָלען האָבען אזוי פיעל פון דער נשמה ווי א געדאַנק, וועלכער פליהט דורך דעם מח. און ווען יעמאַנד זאָגט ער בעהערשט די פען אין זאָ א קראַפט, דאָן פערשטעהט ער ניט דעם „כח" פון „מוח".

ווען מיר לעזען אמאָל איין „שיר" אָדער איין „געדאנק" וועלכער געפעלט אונז זייער גוט, מיינט דאָס נאָך ניט אז דער משורר אָדער מחבר האָט דאָ אויס־געגאָסען זיין „נשמה" אין געשריבענע ווערטער, ניין! דאָס באווייסט נור אז

this synagogue exactly, and I wonder how people can write when the time taken up by the writing of one page could be utilized by thinking, which thoughts would take hundreds of pages of writing to express, and even then that writing would not express the thought as beautifully and nicely as they exist in the mind.

Even the mouth could not express every thought and feeling, and the pen could not compare with the mouth. I am quite sure that there is not a man living who can write just as clearly and exactly as he thinks, and the one who maintains that his pen is as powerful as his thoughts that person underrates the power of thought.

When we ever read a story or an essay which pleases us

דער שרייבער בעזיצט א גאנץ הויכע „נשמה“ אז דורך זיין שרייבען האט ער אונז געגעבען דעם שליסעל צו זיינע גע־דאנקען, יעס! דאס איז דער סוד וואס מיר אידען זאגען געוויינטליך „לעזען־בין־השורות“ דען דאס איז זייער אגרויסע קענטנים, אריין צו לעבען אין די „נשמה“ פון שרייבער אונד ווערען פארטראגען מיט דעם כח הדמיון ווייט ווייט אין די אונענדליכקייט וועלכע מיינט אז דורך דעם לעזען די שורות, קענען מיר אויך לעזען „בין־השורות“ דאס איז דער קונסט פון שרייבער, ער זאל מיט זיין שרייבען, געבען דעם שליסעל צו לעזען בין השורות יא! מיר האבען נאך היינט אזאלכע שרייבער, אבער לײדער גאנץ וויינינ.

נאר דאך, א ביסעל, וויפיעל אין מיין קראפט איז, וועל איך דא איבערגעבען

אין 5602 האבען זיך צונויפגעקליבען די פיהרער פון די אידען אין ירושלים. צווישען וועלכע עס זיינען געוועזען די בע־ריהמטע רבנים החסיד הרב ר' יוסף זונדל סלאנטער זצ"ל, החסיד הרב ר' נחום לעווי זצ"ל, הגאון הרב ר' שמואל סלאנט זצ"ל, הגאון הרב ר' ישעי' בארדאקי זצ"ל און נאך אנדערע און האבען מקדיש געוועזן א גרויסען טהייל פון די „חורבת ר' יהודה החסיד זצ"ל זיע"א“ פאר איין „שוהל“, וועלכע זאל זיין זעהר שעהן און הויך געבויט און וועלכע זיינע מזרח־פענ־סטער זאלען ארויסקוקען גענענאיבער דעם „מקום המקדש“. זיי האבען זיך ניט אי־בערגעשראקען פאר די שוועריגקייטען אויסצופיהרען זא איין אונטערנעהמונג.

די ערשטע זאך! צו קריגען איין ער־לויבניש פון דעם „סולטאן“, דאן דער הערשער פון ירושלים, צו בויען זא איין

very much, it does not mean that the writer has given us all his thoughts in words. No! it merely shows that the writer possesses high thoughts, and which through his writing has given us the key of his knowledge, and this, naturally, is the secret which we, Jews, call "to read between the lines," which means that by reading the lines we also can read between the lines. And this is the object of the writer, that by his writing we may obtain the key to read between the lines.

I will try, however, to give the reader an idea of its beauty.

In 5602, the leaders of the Jews of Palestine got together and resolved to erect a stately and beautiful synagogue which the east windows of this syna-

gogue should overlook the "holy place," in a part of the Ruins of Judah the Pious which was specially picked out for that purpose. Among the leaders were the great rabbis Zundel Salant, Nahum Levi Samuel Salant, and Isaia Bardaky.

The first step was to get a permission from the Sultan, the ruler of Palestine, and the second step was to get the necessary money. The Rabbis applied to the Sultan for the permission but the Turkish Government in Constantinople, as usual, did neither promise nor deny their request and did not pay any attention to it. Then the famous philanthropist of Babylon, Ezekiel Ruben, promised to build the synagogue out of his own money if the Rabbis got the necessary permission.

שוהל, און דאס איז געווען א זאך, וועלכע איז געווען פאסט אונמעגליך, און דאס צווייטע געלד! זא איין גרויסע סומע, וועלכע די שוהל דארף קאסטען. זיי האבען זיך געווענדעט צו דער רעגיערונג אין קאנסטאנטינאפאל, און ווי זייער שטייגער, ניט זיי האבען ענטזאגט און ניט געגעבען די ערלויבניש. אין יאהר תר"ז האט דער בעריהמטער פילאנטראפ ר' יחזקאל ראובן פון דער שטאדט בבל צוגעזאגט, דאס ווען השי"ת וועט העלפען און די אידען וועלען קריעגען די ערלויבניש צו בויען די שוהל, וועט ער איהר בויען פון זיין געלד (יא, וואו נעהמט מען יעצט אזעלכע נדיבים, עס איז שוין א לאנגע צייט, ווי איך געה ארום מיט א פארשלאג צו בויען אין דער הייליגער שטאדט ירושלים תובב"א איין ישיבה, וועלכע זאל ארויסגעבען רבנים מוסמכים און וועלכע זאל טראגען דעם נאמען פון הגאון רבנו שמואל סלאנט זצ"ל זיע"א און ביז יעצט בין איך נאך ליידער ניט געענטפערט געווארען. עס האבען זיך אבגערופען נדיבים, וועלכע האבען געזאגט, אז זיי וועלען געבען זייער נדבה פון 25 דאלאר, אבער איך האב דאס ניט גענומען, ווייל ניט דאס איז מיין מיינונג. איך זוך א מאן מיט א אידישער נשמה, וועלכער זאל מנדב זיין הונדערט טויזענד דאלאר פאר דעם צוועק, וואס דאס זאל גענוג זיין, אז פון די איינקונפט פון דיעזער סומע אויסצוהאלטען עטליכע צעהנדליגע תלמידי חכמים מיט אלע זייערע הצטרכות, דען ווען השי"ת וועט העלפען, אז די ערשטע מוסמכים וועלען ארויס פון דער ישיבה, וועט שוין זיין גענוג געלד אויף אויסצוהאלטען פיעלע הונדערטער תלמידי חכמים

The Rabbis again renewed their efforts to get the necessary permission, and again failed. (I wish I found today a philanthropist of the same calibre as Mr. Ezekiel Ruben. It is already a long time since I am trying to materialize my prospect of building a Yeshiva in Jerusalem which should graduate rabbis of the first grade. I will make the successful outcome of this project my life work and hope to find some day the right spirited man.)

The Jewish leaders did not live up their hope and renewed their efforts several times until with the aid of the English Ambassador, Lord Napure they got the necessary permission. The philatropist Ezekiel Ruben being already dead, the rabbis of Jerusalem wrote to the heirs of the philanthropist and they

דען וועט דער עקספערימענט געלינגען, וואס אין דעם בין איך זיכער, וועט געלד שטראמען פון אלע זייטען, דען לא אלמן ישראל. און פלייכט געפינט זיך צווישען די ווערטהע לעזער, אמאן וועלכער ווערט בעהערשט פון זא איין גרויסע נשמה אונד וועלכער וואלט אננעהמען דיזען פארשלאג, רופט זיך אפ אויף מיין אדרעס, וועלכער געפינט זיך אויף דער ערשטען זיידוש פון דיעזען ספר, און איך בין גרייט אוועקצוגעבען מיין גאנצען לעבען ארבייטעדיג פאר דיעזען צוועק, און איך האף, אז עס וועט אויך זיין איין סוקסעס). זא האבען זיך די אידען ווידער משתדל געווען אין קאנסטאנטינאפאל, אבער ווייטער אהנע קריעגען די ערלויבניש. אנדערע אויף זייער פלאץ וואלטען זיך שוין לאנג מיאש געוועזן פון דעם געדאנק, אבער ניט זיי, זיי האבען ווייטער און ווייטער געארבייט, ביז אין יאהר תר"ט, ווען דער השי"ת האט געהאלפען די אידען פון ירושלים דורך דעם ענגלישען אמבאסאדאר לארד נאפיור און זיי האבען געקראגען די ערלויבניש פון סולטאן צו בויען די שוהל. זא האבען די אידען אין ירושלים תובב"א געלאזט וויסען צו די יורשים פון דעם אויבען־געגאנטען פילאנטראפ, דען דער נדיב אליין ווער שוין דאן לאנג טויט, און די יורשים האבען גלייך אריינגעשיקט זייער נדבה צעהן טויזענד דאלאר מען מוז פערשטעהן אז מיט 70 יאהר צוריק איז די סומע פון 10,000 דאלאר געוועזן פיעל מעהר ווערטה פון 100,000 היינטיגע צייט.

עס איז גראדע געוועזן איין צופאל, וואס אין יענער צייט איז אנגעקומען איין בעריהמטער אינזשיניר, וועלכער איז געשיקט

געוואָרען פון דעם „סולטאן“, צו פעריכטען די בילדינגס, וועלכע געפינען זיך אויף דעם „הר־הבית“, זאָ האָבען זיך די ראשי העדה זיך געווענדעט צו איהם, אז ער זאָל מאכען דעם פלאן פון דער שוהל. און אין דעם יאָהר 5616 האָט מען אָנגעפאנגען בויען די שוהל, אָבוואָהל די רבנים האָבען גאנץ גוט געוואוסט, אז נאָך דיעזען שעהנעם פלאן וועט ניט זיין גענוג די געלד, וואָס זיי האָבען דאן געהאט. דאָך האָבען זיי אָנגעפאנגען בויען, השי"ת וועט העלפען ווען מיר וועלען נאָר ארבייטען צו שאפען גענוג געלד פאר דיעזען הייליגען צוועק, האָבען זיי געזאָגט

גראָבענדיג דעם פונדאמענט האָט מען דאן געפונען אייניגע אנטיקען, וועלכע איינער פון זיי איז געווען א קיילעכדיגער מאַרמאָר־זייל (דיעזען זייל האָט מען שפעטער געלעגט אלס איין „מצבה“ (מאָנומענט) אויף דעם ציון פון דעם גאון רבנו שמואל סלאנט זצ"ל זיע"א, וועלכער איז געווען 70 יאָהר דער ראש רבני ירושלים תובב"א).

אונטערדעסען איז געקומען נאָך נדבות פאר דער שוהל, אויך דער גרש"ם ז"ל ווען ער איז געווען אין חו"ל האָט זיך משתדל געווען צו שאפען געלד פאר דער שוהל און איינער פון די מנדבים, וועלכע האָבען געגעבען זייער נדבה פאר דער שוהל דורך דעם הגרש"ם איז געווען דער בעריהמטער שר „סיר משה מאָנטיפיאָרי ז"ל. *)

ווען מען האָט שוין געהאט פארטיג די הויכע ווענט, און ווען מען איז שוין געקומען צו דעם דאך, האָט מען געמוזט

*) זעה זכרון רבנו שמואל סלאנט.

sent in the sum of $10,000. (One must have in mind that $10,00 70 years ago went as far $100,000 will buy today.)

As luck would have it, it happened that a famous engineer resided then in Jerusalem being sent there by the Sultan to repair the Turkish buildings around the West-Wall.

Accordingly, in 5616, the plans being completed, the work was started although the Rabbies knew that the money on hand was not enough to complete the building.

While excavating for the foundation, several antiques were found, among them a beautiful marble column which was afterwards put up as a monument to Rabbi Samuel Salant, who was for 70 years chief Rabbi in Jerusalem.

In the meantime, donations for thesynagogue began to pour in, many of them due mainly to the efforts of Chief Rabbi Samuel Salant. Among the donors was the famous Sir Moses Montefiore.

As soon as the stately walls were completed, work had to be stopped until enough money arrived to start and complete the roof, because the roof being round and not supported by columns had to be started and completed very quickly. In 5624 the synagogue was completed. Every Jew in Jerusalem helped to complete the roof. One could have seen the famous Rabbies covered with clay and mud and carrying bricks and other building material, while singing holy chants at the same time.

The day the roof was com-

אָבוואַרטען, ביז וואַנען מען האָט געהאַט גענוג געלד צו פאַרטיג מאַכען דעם גאַנצען דאַך, דען דער דאַך קומט געבויט קיילעכדיג און ניט אָנגעשפאַרט אויף קיינע זיילען, און ער האָט געמוזט דעריבער געבויט ווערען שנעל, און אין ווינטער פון יאָהר תרכ״ב איז פאַרטיג געוואָרען די הייליגע געביידע.

דער טאָג ווען די שוהל האָט געזאָלט פאַרטיג ווערען איז געווען איין יום טוב צו די אידען אין דער הייליגער שטאָדט ירושלים תובב״א, ווייל דאָס ענדיגען פון דעם דאַך פון דער שוהל האָט געמוזט געמאַכט ווערען זעהר שנעל און דעריבער האָבען אַלע אידישע איינוואָהנער פון דעם קלענסטען ביז דעם גרעסטען גענומען איין אנטהייל אין דער ארבייט אויסער די געוועהנליכע ארבייטער, און ווי ערהאַבען עס איז געווען צו זעהן די גרעסטע „גאונים קדושי עליון", וועלכע האָבען געטראָגען אויף זיך קאַלך און ליים צו דערלאַנגען צו די בילדערס פון דער שוהל. יא, שטיינער, קאַלך, ליים האָבען זיי געהאַלטען אין די הענד און מיט דעם מויל געזונגען שירים ותשבחות צו השי״ת, דעם כבוד ליינען דעם לעצטען שטיין, וועלכער האָט געשלאָסען דעם דאַך האָט געקראָגען מיין גרויס פאָטער הגאון הרב ר' ישעי' באַרדאקי ז״ל זיע״א, וועלכער איז דאַן געוועזן דער „ראש העדה". דאָס אויסרופען פון פרייד פון די איינוואָהנער פון ירושלים איז ניט פאַרצושטעלען. מען האָט געטאַנצט און געוויינט, געוויינט פון פרייד אויך געמישט אין טרויער, דען שטעהענדיג אויף דעם דאַך האָבען זיי געזעהן דעם הר־הבית, דעם מקום המקדש החרב, דאַן

pleted was a day of rejoicing and rest through the city. My grandfather, Rabbi Bordaky, who was the "Head of the Community," received the honor of laying the last stone.

The Synagogue was not open for the public until the month Elul, because the interior decorations were not completed until then. One philantropist, Philip Rosenberg of St. Petersburg, gave 2,000 dollars for the silver service, and also gave 100 dollars to the messenger, who brought his donation to Jerusalem.

THE PLAN OF THE SYNAGOGUE

The Synagogue is square, each wall being 25 feet long and 45 feet high. The roof is round and looks like a huge

האָט דער גאון הרב בארדאקי ז"ל געהאַלטען איין דרשה וועלכע האָט ארויסגערופען נאָך מעהר התלהבות פוןביידע זייטען. די טהעמא איז געווען דער פסוק אין עזרא ג', י"ב: „ורבים מהכהנים והלוים וראשי האבות הזקנים אשר ראו את הבית הראשון ביסדו, זה הבית בעיניהם בוכים בקול גדול ורבים בתרועה בשמחה להרים קול".

בענייט האָט מען די שוהל ערשט אין אלול תרכ"ד, ווייל דאן זיינען פארטיג געוואָרען אלע ארומפוצונגען פון בית מקדש מעט „בית יעקב". איין נדיב, ר' פנחס ראָזענבערג פון פעטערבורג האָט זיך געלאָזט קאָסטען אויף כלי כסף פאר דער שוהל די סומע 2,000 דאָלאר. אויסער דעם האָט ער געגעבען איין מתנה 100 דאָלאר צו דעם משולח, וועלכער האָט איהם מזכה געווען צו טהאָן זאָ איין גרויסע מצוה.

דער פלאַן פון דער שוהל

די שוהל איז געבויט פיערקאַנטיג. די לענג פון יעדער וואַנט איז 25 איילען. די הויך 45 איילען, דער דאַך א קיילעכדיגער און קומט אזוי ווי א העט אָנגעטהאָן אויף די פיער וועגט אָהן זיילען, וועלכע זאָלען איהם אונטערשפארען. אין די ווענט הארט לעבען דעם קיילעכדיגען דאַך קומען

cap, having no supporting columns. On the top of the walls, close to the round windows, there are 12 towers. The north and south walls have each two rows of towers, one above the other. In the east wall, directly over the Holy Cabinet which is 25 feet high, there is a window, through which the rising sun sends its first rays, while directly opposite, in the west wall there is another window, which allows the rays of the sinking sun to pass through it. In that way, the sun shines in from morning till night.

The floor of the synagogue is of large white marble.

In the centre of the building there is a beautiful pulpit made of white marble.

Close to the round roof at the four corners of the synagogue there are four small attic rooms to improve the appearance of the building. Around the synagogue, close to the roof there is an iron railing encircling it, while a similar railing is found also inside the temple.

---

12 פענסטער, אין יעדער וואנט פון דרום און צפון קומען צוויי ציילען פענסטער, איין צייל איבער דער אנדערער, אין מזרח־וואנט איבער דעם ארון קודש, וועלכער איז הויך 25 איילען, קומט איין פענסטער, דורך וועלכען די זון שיינט אריין גלייך ווי זי בעוויזט זיך נאר, און אין מערב־וואנט פונקט אנטקעגען דעם מזרח־פענסטער, קומט אויך איין גרויסער פענסטער דורך וועלכען עס שיקט אריין, די זון איהרע לעצטע שטראהלען, זא קומט אויס, אז פון נץ־החמה ביז שקיעת־החמה שיינט אריין די זון אין די שוהל. דער פלאר פון דער שוהל איז געמאכט פון גרויסע ווייסע מארמאר־שטיינער. אין מיטען פון דער שוהל קומט איין גרויסע בימה, גע־בויט פון גרויסע מארמאר־שטיינער. אויף די פיער ווינקלען אין דרויסען קומט הארט לעבען דעם קיילעכדיגען דאך פיער קליינע רומס צו פערשעהנערען די געביידע.

ארום דער שוהל אין דרויסען הארט לעבען דאך קומט איין אייזערנע מעקה. וועלכער רינגעלט ארום דעם גאנצען דאך. עס איז אמנהג אין עי"ק ירושלים תובב"א אז אלע שלוש רגלים גייען די איינוואהנער דארטען זאגען, „ומפני חטאינו", ווייל דיא מעקה פון שוהל קומט אוים העכער פון אלע הייזער פון שטאדט, דעריבער זעהט מען דארט דעם גאנצען „הר הבית", אויך אין שוהל קומט זא איין מעקה, וועלכער ווערט נור בענוצט אום שמחת תורה, פון דיא פרויען פון עי"ק ירושלים תובב"א, וועלכע קומען זעהען די הקפות.



The Tomb of Rachel.

On the road, leading from Jerusalem to Hebron, there is situated the tomb of our mother Rachel, not very far from Bethlehem. In the year 5592 Sir Moses Montefiore had there built a beautiful structure in order to protect the tomb.

The day before the new moon's appearance there gather many Jews and especially on the 11th day of the month of Cheswan, which is the anniversary of her death.

דער קבר פון אונזער מוטער רחל

אויפ'ן וועג וואָס פיהרט פון ירושלים נאָך חברון, שטעהט דער קבר פון אונזער מוטער רחל, א כברת ארץ פון בית לחם, אין יאָהר תקצ"ב האָט סיר משה מאָנטע־פיאָר דאָרט געלאָזען אויפבויען א שעהנע געביידע, דאמיט דעם קבר צו בעוואהרען.

אלע ערב ראש חודש קומען אהין פיעלע אידען אויף בעזוך. איבערהויפט קומט מען אהין י"א חשון, ווען עס איז דער יאָהרצייט פון אונזער מוטער רחל.



The Tombs of the Kings

According to tradition, the building stands on the cave wheer are buried the seven Kings of the House of David. The Mohammedans regard this place as very holy and nobody but of their faith is allowed to enter. But the ante room is free to all and many of our brethren go there on the close of Pentecost. (Shebuoth.

Up to this day nobody ever succeeded to find the entrance to the cave.

קברי מלכות בית דוד

לויט ווי מען האָט בקבלה, איז דיעזע געביידע ערריכטעט געוואָרען אויף דער העהל וואו די 7 מלכים פון בית דוד ליעגען בעהאלטען. די מאָהאַמעדאַנער האַלטען דעם פּלאַץ זעהר הייליג, און קיינעם, ניט פון זייער גלויבען, לאָזען זיי אַהין צוקומען. דער פאָרזאַאל איז אָבער פריי פאַר יעדען, און פיעלע פון אונזערע ברידער קומען אהין אם אסרו חג של שבועות.

ביז צום היינטיגען טאָג. איז נאָך קיינעם ניט געלונגען צו געפינען אַ וועג וואָס פיהרט אין די מערה אריין.



נחלת כנסת ישראל

סענטראל קאמיטע כנסת ישראל לקופת רמבה״ן בארה״ק
אפיס 218 הענרי סטריט, ניו יארק

די סענטראל קאמיטע כנסת ישראל אין ירושלים איז גיגרינדעט געווארען פון דעם הייליגען גאון ר׳ שמואל סלאנט זצוק״ל אין יאהר תרכ״ז איהרע הויפט אויפגא־בען זיינען ווי פאלגענד.

1 צו שטיצען יעדען נויטהליידענדען אין א נויטה פאל.

2 צו אויסהאלטען אלע קהל׳שע באדערפעניש ווי רבנים, בית דין אז״וו.

3 אוצר החסד „קרן שמואל“ צו פערלייען געלד צו יעדען ארימען ביזנעס מאן אדער ארבייטער ער זאל קאנען זיך ערנעהרען פון די ביזנעס אדער ארבייט די געלד ווערט פערליען גאנץ פריי פון פראצענט און מיט גרינגע בעדינגונגען צום אויס צאהלען.

4 די סענטראל קאמיטע בויעט הייזער און גיט זיי אוועק צו ארימע פעמיליעס צו וואהנען גאנץ אומזיסט אויף א משך פון 3 יאהר נאכדעם ווערין די הייזער אוועק געגעבען צו אנדערע צו וואהנען אויף 3 יאהר כסדר.

5 די סענטראל קאמיטע רעכינט זיך מיט די נייע אומשטענדען אונטער וועלכע אונזער הייליגע לאנד געפינד זיך איצט, און צו דיזען צוועק ווערט יעצט געשאפען א פאנד פון א פערטיל מיליאן דאלאר צו קויפען אין די נאכבארשאפט פון ירושלים א שטיק לאנד ווא עס וועלין אויפגעשטעלט ווערען וואהנונגען און פערקויפט ווערען צום מיטעל קלאס מענטשען אויס

צו צאָהלען מיט דעם יעהרליכען רענט, יעדער איד קאָן נעהמען א אנטייל אין דעם וויכטיגען פאָנד מיט וויפיעל עס איז.

6 די סענטראל קאָמיטע האט ברענג־שעם אין אלע גרעסערע שטעדט אין ארץ־ישראל דורך וועמען עס ווערט דורך גע־פיהרט זיינע אויפגאבען אין אויסער האלב פון ירושלים.

Central Committee K'neseth Israel, Jerusalem, Palestine

ניו יאָרק אדרעס:

C. C. K. I., 218 Henry St. New York, N. Y.

ציון מלחמה בית־היתומים בלומענטהאל

בעטראכט פליז די אינטרעסאנטע בילד פון דעם קינד, דיזער קינד איינער פון די עלינדע יתומים איז געווען אזוי קליין, אז עס האט ניט געקענט ריידען, קיינער האט אשפור גע־וואוסט פון זיינע עלטערן און קרובים, מ'האט דעם קינד א נאָמען געגעבען „ציון“

אט דאס איז דער פרעכטיגער באַי וועלכער שטאָלצירט היינט אונד זאָגט „אני ציון הקטן“ איך בין דער קליינער ציון. צו ליעב דעם רופט דער עולם דעם אינסטיטושאָן „ציון מלחמה בית היתומים“

פון דער העברעאישער צייטונג "חדשות הארץ", וואָס ערשיינט אין ירושלים, אין נומער 62, פון 29טען אויגוסט, 1919, נעהמען מיר ארויס פאָל־גענדע וויכטיגע נייעס וועגען "ציון מלחמה בית היתומים בלומענטהאל".

אין "ציון מלחמה בית היתומים" גע־פינען זיך איצט 85 קינדער דאָס רוב פון די קינדער זיינען יתומים אָהן פאָטער און מוטער. עס זיינען אויך דאָ אזעלכע יתומים וואָס האָבען גאָר קיין פריינד און פון דעם טאָג וואָס זיי זיינען אויפגענו־מען געוואָרען אין דעם בית יתומים איז קיין פערזאָן זיי געקומען בעזוכען. עס זיי־נען דאָ אזעלכע קינדער, וואָס זיינען אויפגעקליבען געוואָרען פון דער סטריט, אין דער מלחמה צייט. די טערקישע רע־גירונג האט זיי איבערגעגעבען אין דעם בית יתומים. מעהרערע האָט דער חכם באשי אריינגעבראכט אין אינסטיטושאָן.

דער אינסטיטושאָן עקזיסטירט פון די

געלדער וואס קומען פון ניו יארקער קא־מיטע בעשטעהענד פון הרב ר׳ שלום אלחנן יפה, רעוו. דר. דראכמאן, ראבי דר. חיימסאן, האנ. שמואל בערנשטיין, טרעזשורער, 55 וועסט 110טע סטריט, נאר די מיטעל זיינען וויט ניט גענוג.

די לייטונג פון אינסטיטושאן שטעהט אין פערבינדליכע קארעספאנדענץ מיט פערשיעדענע סאסייעטיים, ווי "פרא־פא לעסטינא" אין עגיפטען, און אנדערע חברות אין לאנד, אז זיי זאלען פערזיכערען דעם בודזשעד.

די פערוואלטונג פון אינסטיטושאן איז אויך געקומען אין פערקעהר מיט דעם "ועד הצירים", וועלכער האט פערלאנגט אז די גאנצע הנהגה זאל איהם איבערגע־געבען ווערען און די בית יתומים לייטונג האט דערצו ניט מסכים געווען.

די גבאים פון אינסטיטושאן זיינען: רבי צבי פסח פראנק, רבי אברהם תלמודי, הרב בלוי, רבי נסים דאנון חכם באשי, און רבי בלומענטהאל דירעקטאר.

די עקספענסעס פון דיזען בית יתומים בעטרעפט 200־220 פונט שטערלינג א מאנאט.

ניט אלע יתומים לערנען אין דעם בית יתומים סקול. זיי בעזוכען אויך דיא "דורש ציון" תלמוד תורה און סקול.

אין בית יתומים סקול אונטעררריכטען דריי טיטשערס. מען לערענט תנ"ך, תלמוד, היסטארי, ארץ ישראל געאגרא־פיע און חשבון.

די מאנשאפט אין בית יתומים זיינען 17 פערזאן.

דער געזונדהייטס צושטאנד פון דיא קינדער איז זעהר גוט. אין בית יתומים איז אויך איינגעפיקסט א רעגעלער קליי־נער האספיטאל.

די געביידע פון בית יתומים ציון בלו־מענטהאל איז די בעסטע אין דער קא־לאניע רחובות, און איז זעהר פאסענד פאר אזא אנשטאלט.

קירצליך האט דער בית יתומים ער־האלטען איינינע קייסעם אלטע קליידער פון אמעריקא.

דיזע נייעס פון דער ירושלים׳ער צייטונג "חדשות הארץ" איז א בעוויז וויא וויכטיג עס איז דער ציון מלחמה בית היתומים, און די אידען פון אמעריקא זיינען דאריבער ערזוכט צו שטיצער דיזען אנשטאלט — אלע דאניישאנס צו אדרע־סירען צום טרעזשורער.

Mr. S. Bernstein, 55 W. 110th St., New York City



זכרונות החסיד הרי"ז סלאנט זצוק"ל זיע"א

זכרונות מהגאון החסיד קדוש אלוקים מכובד מרנא ורבנא ר' יוסף זונדל סלאנט זצוק"ל זיע"א.

דער חסיד ר' יוסף זונדל זצ"ל זיע"א. 1) דער רבי פון דיא גאונים ר' שמואל סלאנט זצו"קל זיע"א, ר' ישראל סלאנט זצו"קל זיע"א, אונד ר' אלי' קראטינגער זצוק"ל זיע"א, אונד נאָך אנדערע וועלכע זיינען שפּעטער גע־ווען בעקאַנט אלס די גרעסטע גאונים פון זייער צייט, איז געבאָרען געוואָרען

1) זיין תלמיד הגאון ר' ישראל סלאנטער זצוק"ל זיע"א אין זיין הקדמה צו זיין ספר „תבונה" (וועלכען ער האט ארויס געגעבען אין יאָהר תרכ"א שרייבט: און איך האָב געלערנט בייא מיין רבי, הרב מ"ו יוסף זונדל מסלאנט, וועלכער וואהנט יעצט אין דיא הייליגע שטאדט ירושלים תובב"א, אונד ביז יעצט האב איך ניט גיגרייכט צו זיינע קנאפיל

ער ז"ל איז (גענוען) איין „סלם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה„ אזוי וויא איין לייטער וואס מיט איין ענד שטייט ער אויף דיא ערד אונד זיין צווייטער ענד גרייכט ער צום הימעל, דאָס זעלבע איז אויך געווען דער קדוש ד' מכובד החסיד ר' זונדל סלאנט (ש"י) זצ"ל זיע"א, ער האט געלעבט מיט אלע מענ־שען, צו זאמען אָבער זיין קאָפּף האָט גע־גרייכט אין הימעל:

אין סלאַנט, אונד אין זיין יוגענד האט ער גילערנט אין וואלאזין, אונד איז געוועזן מגדולי תלמידי הגאון החסיד רשכבה"ג ר' חיים וואלאזינער זצו"קל זיע"א, בעל „נפש החיים", וועלכער איז געוועזן מגדולי תלמידי הגר"א זצו"קל זיע"א מווילנא, אונד נאך דיא פטירה פון דעם גאון ר"ח וואלאזינער זצו"קל זיע"א, אונד דאן האט זיך אַנגעהויבען הערען פון דיא גרויסקייט פון דעם גאון אונד חסיד רשכבה"ג ר' עקיבא איגר זצו"קל זיע"א איז דער חסיד ר' זונדל געפאהרען נאך פוזנא, אונד פיר איין קורצער צייט געוואהנט דאָרט, כדי זיך מתבונן זיין אויף דיא הנהגה אין צדקות חסידות אונד מעשים טובים פון דעם גאון ר' עקיבא איגר זצו"קל זיע"א.

ער ז"ל פלעגט מיט צופריעדענהייט דערצייילען, אז זיין רבי דער גאון ר' חיים וואלאזינער זצו"קל זיע"א, פלעגט זיך אין מצות אנגעלעגענהייטען, זיך נור אויף איהם פערלאזען, 2)אונד איינמאל בעפאר סכות, איז צו דעם גאון ר"ח וואלאזינער ז"ל געקומען איינער פון זיינע תלמידים, אונד האט איהם געזאָגט, אז איהם שיינט אז דיא סוכה איז ניט צו גידעקט כדין, זאָ האט איהם דער גאון ז"ל געענטפערט, מיר קענען זיך סומך זיין אויף ר' זונדל, אונד ער האָט דיא סוכה צו גידעקט.

זיין נעוויינטליכער לערנען איז גע־ וועזן (וויא זיין תלמיד הגאון החסיד רשכב"הג ר' ישראל סלאַנטער זצ"ל זיע"א שרייבט אין זיין הקדמה צו זיין ספר „תבונה") בעיון הנצרך למעשה, ער האָט געלערנט דיא „גמרא" אין גאנצען, דעם "טור" דעם „בית יוסף" אונד א ל ע אחרונים בעיון, אונד מעהר פלעגט ער לערנען בעיון, דיא באורי הגר"א זצו"קל זיע"א, אונד אז ער פלעגט לערנען איין סעיף "שלחן ערוך" אָדער איין „ענין", מיט אלע זיינע מפרשים פלעגט ער דאָס פארשטעלען. גלייך וויא עס וואלט געקור־ מען זא איין דין בעפאר איהם, אונד ער האט גוט נאך געזוכט דעם דין, ביז ער פלעגט ערקלערען דעם ריכטיגען פסק, אונד דאן ערשט, פלעגט ער דאס פיעלע מאָל איבער לערנען ביז עס איז געוועזן בייא איהם „כמונח בקופסא", זיין גאנצער לערנען אין „תנ"ך" „גמרא" „מדרשים" אונד „זוהר", איז דער יסוד געוועזן בייא איהם „ידיעת-המעשה" אונד א חוץ דעם אלעמען פלעגט זיין, זיין לערנען „מדות" און „חובת הלבבות" גאַנץ איבער נאַ־ טירליך.

זיין תלמיד הגאון רשכבה"ג ר' שמואל סלאַנט זצ"ל זיע"א, *) וועלכער איז 70 יאהר געוועזן דער ראש הרבנים פון עי"ק ירושלים תובב"א, האָט אויף איהם גע־

---

2) זעה דעם קונטרס הנהגה ישרה מהנ"ל

*) דער גאון ר' שמואל סלאַנט ז"ל זיע"א איז געוועזן בעוואוסט מיט זיין מורא'דיגען שארפען מוח, אונד דאס איז געוועזן דיא אורזאַכע פיר זיין ניט שטאַרק האַלטען פון דיא גאונים, פון זיין צייט. אָבער ווען ער פלעגט רעדען וועגען דיא גאונים דער חסיד ר' זונדל סלאַנט זצ"ל זיע"א ר' הירשעלע סלאַנטער זצ"ל ר' אַבלי ווילנער זצ"ל פלעגט מען זעהען וויא ער פלעגט ציטערען פיר זייער גרויסקייט אונד הייליגקייט.

זאָגט, אז דיא וועלט האט איין טעות געהאט אין איהם, דיינקענדיג אז זיין הויפּט גרויסקייט איז געווען „מדות־טובות״ וואָס ער ז״ל האט זיך אוים געארבייט זא אז אַלע גוטע מדות זיינען געוואָרען ביי איהם איין נאַטירליכעס, אבער דער אמת איז אז זיין גרויסקייט אין „תורה״ איז געווען אזוי גרוים וויא אין „מדות־טובות״, אונד זיין בקיאות אין „נסתר״ איז געווען אזוי גרוים ווי זיין בקיאות אין „נגלה״, אונד אז ער איז געווען דער „גדול־הדור״ אין תורה ווי אין „מדות־טובות״, נור צוליעב זיין גרויסע עניוות האבען ניט אַלע געוואוסט זיין מורא׳דיגען גרויסקייט אין לערנען.

ער ז״ל איז געווען איין גרויסער בעל מקובל אונד האָט געקענט „קבלה־מעשית״ אונד אויף איהם האָט מען געזאָגט אין „סלאַנט״ אז ער האָט זוכה געווען צו פערשטיין דעם „קץ״ וועלכער ווערט געבראַכט פון דעם גר״א זצוק״ל זיע״א אין זיין ספר „ספרא־דצניעותא״ נור ער ז״ל פלעגט זיך אַלע מאָל משתמט זיין פון ארוים געבען איין תשובה ברורה וועגען דעם, אונד איין מאָל ווען זיינע תלמידים האָבען איהם שטארק צו געדרונגען, האָט ער זיי דערציילט, אז איין מאָל האָט ער זיך געטראָפען אין איין אכסניא מיט דעם גאון הרב ר׳ אברהם זצוק״ל זיע״א דער זוהן פון דעם גר״א זצוק״ל זיע״א. אונד זיי האָבען צו זאמען פערבראַכט זייער פיעל אויף די באורי הגר״א זצוק״ל זיע״א, אונד נאכהער שפּעט אין דער נאכט ווען ער האָט זיך געלייגט שלאָפען האָט זיך איהם גע׳חלום׳ט אז א מאן גייט עם פּאָר בייא הין אונד צוריק אונד קוקט אויף איהם, אונד זיין פּנים קוקט אוים וויא ער וואָלט געהאט „תרעומות״ אויף איהם, אונד אויף מאָרגען האָט ער חוקר ודורש געווען פון די גאַנצן אַלטע לייט וועלכע האָבען נאָך זוכה געווען צו זעהען דעם גר״א זצוק״ל זיע״א, אויף זיין הייליגע צורה, אונד אויף זיינע מלבושים, אונד פון זייערע רייד איז איהם קלאָר געוואָרען אז דער מאַן, וועלכען ער האָט געזעהען אין „חלום״, איז געווען דער „גר״א זצו״קל זיע״א, זא האָט ער דאפון פערשטאַנען, ער האָט גערעדט וועגען זיינע באורים מיט זיין זוהן זצ״ל זיע״א, מעהר וויפיעל ער האָט געדאַרפט רייהען, אונד דאריבער האָט ער אויף זיך גענומען. מעהר ניט צו ריידען וועגען דעם. גאָר פון זיינע מקורבים פלעגען דערציילען פון איהם „מדות־טובות אונד „מעשים־טובים״ אויך ערצעהלונגען וועלכע זיינען למעלה מדרך הטבע. *) און ווי גרוים עם זיינען געווען די „צדקות״ אונד „פרישות״, זיין „אהבת ד׳״, אזוי איז אויך געווען זיין מאַטערניש, אז מען זאָל אויף איהם גאר ניט דערקענען, זא אז די לייטע וועלכע האבען איהם ניט גוט געקענט האָבען געדיינקט אז ער איז איין איינפאכער, פּשוט׳ער איד, איין טובה טהון איז געווען ביי איהם דער לעבען. אונד מיט אַלע זיינע קרעפטען פלעגט ער זוכען צו טאָהן איין טובה, אַלע מענשען אונד בפרט איין אידען.

הגאון הרב ר׳ נפתלי אמשטארדאם זצ״ל זיע״א, מגדולי תלמידי הגאון רשכבה״ג ר׳ ישראל סלאַנטער זצ״ל זיע״א

*) זעה דעם ספר „אבן ישראל„ אונד דעם ספר „פּרי יצחק„.

אין אַ בריעף צו זיין חבר הגאון הרב ר' שניאור זלמן זצ"ל זיע"א, פון גאָלדינגען מגדולי תלמידי הנ"ל, שרייבט ! הנה מש"כ אדמו"ר זצוק"ל בהקדמות ספר תבונה בשולי היריעה, ויצקתי מים ע"י מורי הרב מו"ה יוסף זונדל היושב בירושלים תובב"א, ועד כה לא הגעתי לקרסוליו וכו' עד למען ישמעו הבע"ב וילכו באורחותיו, הנה פה על הגליון קצר אדמו"ר הספור מן מורו הרב החסיד מוהרי"ז זצוק"ל. וכמש"כ שם הארכתי „מעט" במעלת האדם הגדול הלזה וכו', ואף כי במלין קצרים כלול הרבה מעלותיו וצדקותיו זהו בכלל, אך בפרטות היה אדמו"ר מאריך בסיפורי מעשה האיש הזה, ממעשיו וצדקותיו וחסידותיו עד להפליא, כי מעשי צדקותיו היו נפלאים ומבהיל כל שומעיו, דאס מיינט אז דער גאון אונד חסיד ר' ישראל סלאַנטער זצוק"ל זיע"א, האט מקצר געווען אין זיין הקדמה, וועגען זיין רבי דער גאון אונד חסיד ר' זונדל סלאַנטער זצוק"ל זיע"א, אָבער בפרטות פלעגט ער פון עם דערציילען פיר זיינע תלמידים זייער פיעל, ווייל די צדקות פון דעם חסיד ר' זונדיל סלאַנטער זצ"ל איז געווען וואודערליכע אונד פלעגט מאכען פער־ציטערען אלע צוהערער.

ווען דער חסיד ז"ל האט געוואהנט אין סלאַנט האט מען איהם איין מאל געפינען אוים לייגענדיג שטיינער אין די גאס וועלכע האט געפיהרט צום „בית־המדרש" וועלכע איז דאַן געווען בלאַטיג אונד נאך דעם איז מען דערגאנגען אז ער האט דאס געטאן לכבוד פון זיין מוטער עה"ש וועלכע פלעגט דורך דיא גאס גיין צום „בית־המדרש" זי זאָל ניט דארפען גיין אין די בלאָטע, איין מאָל האָט מען איהם געפונען פעררייכטען דעם שלאָס פון זיין חצר טיר, אונד נאכהער איז מען געוואָר געוואָרען, אז דער שלאָס איז קאליע געוואָרען, אונד פלעגט זיך פון זיך אליין פערמאכען, אז די ארעמע לייט וועלכע גייען איבער דיא הייזער האָבען ניט געקענט עפענען דיא טיר, אונד דאס איז געגען דיא „גמרא" (ב"ב דף ז') למימרא דבית שער מעליותא היא וכו', הא דאית ליה פותחת כ"ו ;.

ער האָט קיין מאָל ניט נהנה געווען מן התורה, זאָ וויא דער מנהג העולם איז, נור ער פלעגט זיך מתפרנס זיין מיגיע כפיו, אין דחקות, איין ארעמען לעבען, אָבער פון קיינעם ניט נהנה געווען ניט אין סלאַנט, ניט שפעטער אין עה"ק ירושלים תובב"א, ווען ער איז געווען אין סלאַנט, פלעגט ער אפט ארוים פארען אין מעמעל, איין קויפען אביסעל סחורה, אונד דאס פארקויפען אין סלאַנט, אונד אז ער פלעגט פערדינען געלד, פלעגט ער אוועק פאָרען אויף אַ יאָהר לערנען כפרישות, איין מאָל האָט ער געלערנט אין „מיר" אַ גאַנצען יאָהר אזוי בדחקות אז זיין הוצאה איז געווען נור 2 גילדען אַ וואָך, אונד אין עה"ק ירושלים תובב"א אבוואהל ער איז פיר פיעלע יאהרען געווען דער מורה־הוראה. האָט ער קיין שבירות גענומען פון שטאָט, אויך ניט „חלוקה" פון כולל, ער פלעגט מאכען וויין, עסיג, אונד פון דעם זיך מפרנס זיין, אונד אויך בדחקות, אייננמאָל ווען דער חסיד ז"ל איז געפאָרען פון „מיר" נאָך „סלאַנט" האָט זיך געטראָפען, אז ער

איז געפּאָרען צו זאַמען מיט אייניגע ליטע סוחרים, וועלכע זיינען געפאהרען נאך „מעמעל" און זיי זיינען געווען ניט א זעלכע יראים, אונד זיי האָבען איהם ניט געקענט, אונד ניט געוואוסט ווער ער איז, זיי האָבען געמיינט אז ער איז איין איינפאַכער ארעמאַן, אונד זיי רייכע סוחרים, האָבען זיי זיך ערלויבט מאכען ליצנות פון איהם אויף דעם וועג, אונד אין וועג ווען זיי האָבען זיך אָפּגע־שטעלט אין א קרעטשמע אָפּרוהען, האָט זיך דער חסיד צו געלייגט אויף איין באנק (ער האָט ניט געהאט צו בעצאָהלען פיר איין חדר,) זא האָבען זיך די סוחרים צוזאמען גערעדט דער ארעמאַן שלאָפט לאָמיר נעמען איין ליכט אונד אביסעל אפּסמאַלען זיין באָרד, אונד זיי האָבען גענומען אזוי טאָן, דער חסיד ז"ל דערפי־לענדיג, דעם פייער לעבען זיין פנים האָט אויף געעפענט זיינע אויגען אונד דער־זעהען וואָס זיי טוען, האָט ער זיי גע־זאָגט נאך אביסעל, דען ער האָט זיך זייער דערפרייט פון דעם בזיון וואָס זיי האָבען איהם געטאָן, זיי זיינען איבער געשראָקען געוואָרען פון די 2 ווערטער, דען זיי האָבען געמיינט ער וועט זיך ערגערען אונד נעמען שרייען אונד צום סוף איז ער ניט געוואָרען אין כעס, די סוחרים זיינען אוועק געפאָרען נאך מעמעל אונד צוליעב ביזנעס זיך באַ־זעצט אין מעמעל אונד דער חסיד ז"ל איז זיך געפאָרען נאך סלאַנט, אין א צייט ארום איז דער חסיד ז"ל אייך צוליעב מסחר געפאָהרען נאָך מעמעל, זאָ האָט זיך געטראָפען אז זיי האָבען געזעהען זייער איין גרויסען מאַן, אונד א גרויסער גביר געהענדיג אין גאס מיט דעם חסיד ז"ל, אונד זיי האָבען דערקענט אז דער גביר האַלט זיך וויא אז מען גייט מיט א גרויסען מאַן אונד ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט אז דאָס איז דער גאון אונד ח ס י ד קדוש ר' מכובד הרי"ז סלאַנט זצוק"ל זיע"א, זיינען זיי זייער פערצי־טערט געוואָרען אונד זיי זיינען געקומען איהם בעטען „מחילה" ער זאָל זיי מוחל זיין ווייל זיי האָבען ניט געוואוסט ווער ער איז, זא האָט ער זיי געפרעגט וואָס האָט איהר געדיינקט בין איך, איין איינ־פאַכער ארעמאַן, האָבען זיי געענטפערט, זא האָט ער זיי געזאָגט גו, און פון איין ארעמאַן מעג מען מאכען לצנות ?, האָבען זיי אָנגעהויבען צו וויינען, זאָ האָט ער זיי געזאָגט, הערט זיך איין איך בין אייך מוחל, בתנאי ! אז איהר וועט מיר צו זאָגען, קיין מאָל אויף אייער לעבען, מאַ־כען לצנות פון איין מענשען.

הגאון הרב ר' שניאור זלמן זצ"ל הגאב"ד גאָלדינגען, קורלאנד, שרייבט אין זיין ספר „אבן ישראל", אז ווען ער איז געווען א קינד האָט ער געהערט דערצעה־לען מפי הגאון הרב ר' גרשון אמשטרדם זצ"ל זיע"א פון ווילנא, אז איין מאָל איז דער חסיד ר' זונדל סלאַנטער זצ"ל זיע"א געווען אין ווילנא און ער האָט איהם געבראכט איין בריעף פון איינעם פון די איינוואָהנער פון סלאַנט, דער חסיד איז אריין צו איהם, זיך געשטעלט ביי די טיר און איהם דערלאַנגט דעם בריעף. הרב ר' גרשון ז"ל האָט געדענקט אז ער איז א פּראָסטער מענש, א משרת אָדער איין פוהרמאַן (דען ווי געזאָגט, איז עס אויף איהם ניט געווען צו דערקענען אז ער איז איינער פון די „רמי־המעלה") זאָ האָט ער איהם געוואָלט מהנה זיין

פאַר זיין טרחה, האָט ער איהם אריינגערופען אין הויז און איהם געבעטען נעמען אַ ביסעל שנאַפּס. געוועהנליך דער חסיד האט זיך ניט געלאזט בעטען, ווייל „כל מה שאומר לך בעל הבית עשה", האָט ער גענומען אַ ביסעל שנאַפּס. אין זיין נעהמען דעם שנאַפּס האט דער ר' גרשון ז"ל דערקענט אויף איהם אַז ער איז ניט קיין געוועהנליכער פּראָסטער מענש. זאָ האָט ער זיך מישב געווען, ער וועט קענען אָפּנעמען אַ גרוס ביי איהם פון דעם חסיד ר' זונדעל ז"ל, זאָ האָט ער איהם געזאָגט, איהר זייט דאָך פון סלאנט האט איהר געזעהען דעם חסיד ר' זונדל? האָט ער איהם געענטפערט, איך האָב איהם כמעט געזעהן. קענט איהר מיר עפּעס דערצעהלען פון דעם חסיד? האָט ער עם ווייטער געפרעגט. וואס איז דא צו דערצעהלען? איז געווען זיין ענטפער. קורץ נאָך איינינע פראַגען, זיך דערוויסענדיג אַז ער וואהנט אין סלאנט, און ער האָט גאָר ניט צו דערצעהלען פון דעם חסיד ז"ל, איז איהם איינגעפאלען צי איז ער ניט דער חסיד אליין, (דען אזוי ווי געזאָגט, איז אויף איהם גאָר ניט געווען צו דערקענען), זאָ האָט ער איהם געפרעגט, זאָגט מיר ווי איז אייער נאָמען. האָט ער איהם געענטפערט מען רופט מיך „זונדא". דאַן האָט איהם הרב ר' גרשון געזאגט „רצון יראיו יעשה" אַז עס זאָל אויף אייך גאָר ניט קענטיג זיין.

זיין תלמיד, הגאון רשכבה"ג ר' ישראל סלאנטער זצוק"ל זיע"א פלעגט דערצעהלען פון זיין אויפפהירונג אונד חסידות, וועלכע זיינען געווען אזוי אויסגערעכענט אויף איין האָר, למשל, וועלען מיר דאָ ברענגען איינינע פון זיי:

איין מאָל איז ער געגאַנגען אויף איין פּלאַץ, וואו עס זיינען געווען אידישע גערטענער און פעלדער, האָבען זיך לייטע איינגעקוקט אויף איהם, און געזעהן אַז ער דריקט זיין פינגער אויף זיין נאָז, איז דאָס ביי זיי געווען אַ וואונדער, נאכהער האבען זיי זיך דערוואוסט פון איהם, ווילע זיין שטייגער איז געווען אין אלעם וואס ער האט געלערנט צו זוכען „ידיעת־המעשה", און די חז"ל זאָגען אין אנפאַנג בבא בתרא, „אסור לאדם לעמוד בשדה חברו בשעה שהיא עומדת בקמותיה", זאָגט דאָרט רש"י ז"ל: „אסור. שלא יזיקנו בעין רעה". ע"ש. דאָס מיינט: מען טאָר ניט שטעהן אויף אַ פעלד פון אַן אנדערען מענש ווען די תבואה וואקסט. זאָגט אויף דעם רש"י הקדוש, ווייל ער זאָל איהם ניט מזיק זיין מיט אַן „עין־הרע". אָבער ווילע עס טרעפט זיך אַז מען קען זיך ניט אויסהיטען אויף איין סעקונדע ניט צו קוקען, זאָגען אָבער די חז"ל אין ברכות (דף נ"ה:) „האי מאן דעייל למתא כו' ואי דחיל מעינא בישא דיליה ליחזי אטרפא דנחירא דשמאליה" ע"ש. דאָס מיינט, אז ווער עס האט מורא טאמער וועט ער געבען אַן „עין הרע", זאָל ער געבען אַ קוק אויף דער לינקער זייט פון זיין נאז, דעריבער האט ער אמוועניגסטען געטהאָן די תקנה.

איין מאָל, אין חנוכה, האָט ער גערעדט מיט לייטע, און אין מיטען די רייד האָבע זיי דערמאנט אַ וואָרט פון

צער, האָט ער זיי געזאָגט: שאַ! מען טאָר ניט דערמאָנען איין וואָרט פון צער דיעזע טעג, וויבאַלד אַז די חז״ל האָבען פאַרווערט די טעג פון חנוכה פיר איין הספד.

און אַזוי אין אַלע זאַכען פלעגט ער זיך אויפפיהרען בדקדוק עצום, זאָ ווי דער מסלת ישרים בריינגט, אַז דאָס איז דער עיקר פון חסידות, וועלכע די חז״ל האָבען געזאָגט, „עושה נחת רוח ליוצרו להבין דבר מדבר לעשות רצון קונו״.

ער ז״ל האָט געליטען פון צער גידול בנים ל״ע און מען קען זיך פאָר־שטעלען וואָס פאַר איין שמחה עס איז געוועזען ביי איהם און ביי די שטאָדט־לייט פון סלאָנט ווען עס איז איהם גע־באָרען געוואָרען אַ זוהן. אָבער ליידער האָט דאָס קינד נור געלעבט אייניגע טעג און עש״ק שפּעט פאַרנאַכט האָט דאָס קינד אויסגעהויכט זיין נשמה, אַז עס איז ניט געוועזען מעגליך צו בעהאַלטען דאָס קינד בעפאָר שבת. האָט ער אָנגעזאָגט זיין פרוי אויך דעם רופא, אַז זיי זאָלען קיינעם ניט אויסזאָגען און זאָלען אויך משתדל זיין אַז מען זאָל גאָר ניט קענען דערקענען אויף זיי קיין שום עצבות ביז איבער שבת, כדי ניט צו פאַרשטערען דעם שבת פון הויז און פון דעם שטעדטעל סלאָנט אונד פרייטאַג אבענד און שבת פריה זיינען געקומען די שטאָדט־לייט ווינשען איהם מזל טוב, ווי דער מנהג איז ביי שלום־זכר, און ער האָט זיי גע־ענטפערט און זיי מכבד געווען מיט לעקאַך און בראַנפען און די שטאָדט־לייט האָבען אויף זיי גאָר ניט דערקענט.

און מוצש״ק גלייך נאָך הבדלה האָט ער געשיקט נאָך דער חברה קדישא צו בע־האַלטען דאָס קינד.

מען דערצעהלט, אַז ווען ער איז גע־ווען יונג האָט ער געהאַט גרויס הצלחה אין מסחר, זאָ אַז ער איז געווען כמעט אַ גביר, נאָר נאָך די אויבענדערמאַנטע געשיכטע איז ער אַרויס פון הויז און האָט אויפגעהויבען זיינע הענד צום הימעל און געזאָגט: „רבונו של עולם, איך וויל בעסער האָבען זרע של קימא ווי רייכ־טהום״. און אין אַ קורצער צייט שפּעטער האָט זיין הויז אין סלאָנט אָפּגעברענט, און זאָ ווי ער איז ניט געווען פאַרזיכערט (אינשורט, סטראַכירט) זאָ איז ער גע־וואָרען דערפון אַן אָרימאַן, און פון דאַן האָט ער כל ימיו געלעבט אין דחקות, אָבער קינדער האָבען זיך שוין געהאַלטען ביי איהם.

דער חסיד האָט געהאַט 4 קינדער, איין זוהן הרה״ג ר׳ אריה ליב סלאָנט זצ״ל און דריי טעכטער. זיינע טעכטער זיינען געווען שפּעטער פערהייראַטה ווי פאָלגט: הצדקנית טויבא עה״ש צו הגאון הרב ר׳ שמואל סלאָנט זצ״ל זיע״א וועל־כער איז געווען זיבעציג יאָהר דער ראש רבני עיה״ק ירושלים תובב״א. זיין 2טע טאָכטער הצדקניות צביה עה״ש וועלכע איז געווען פאַרהייראַטה צו הגאון הרב ר׳ נתן נטע נאָטקין זצ״ל זיע״א און איין טאָכטער איז געווען פאַרהייראַטה צו הרב ר׳ שבתי ז״ל איינער פון די בד״צ אין עה״ק ירושלים תובב״א.

אין ירושלים עה״ק תובב״א איז ער אָנגעקומען ט׳ כסליו, תקצ״ט.

און דערצעהלט האט מיר אן עד 5) ראיה אז ווען דער חסיד ז"ל האָט געוואָלט פאָהרען נאָך ארץ ישראל האָט זיין פרוי די צדקנית עה"ש גענומען וויינען פאר איהם ווי אזוי זאָלען זיי איבערלאָזען זייער טאכטער טויבא אין סלאַנט ווייל איהר מאַן הגאון הרב ר' שמואל סלאַנט ז"ל זיע"א 6) האט ניט געוואלט פאהרען האָט ער איהר געענטפערט בזה הלשון: „וויין ניט, וויין ניט, זיי וועלען קומען אין גיכען אין ירושלים, און צוליעב זיי פאָהר איך יעצט". זאָ האָט זי איהם געזאָגט, ווי אזוי, אז ר' שמואל וויל ניט. האָט ער איהר געענטפערט: „ער וועט טאקע ניט וועלען, אָבער ער וועט מוזען". און אזוי איז טאקע געווען 7).

אויף זיין וועג נאָך ארץ ישראל איז ער דורכגעפאָהרען ווילנא. דאָרטען האָט ער אויף דעם פערלאנג פון די נשיאי ארץ ישראל אין ווילנא אָנגענומען צו זיין דער מורה הוראה פון ירושלים, אָבער מיט דעם תנאי, ביז וואנען עס וועט קומען אין עי"ק ירושלים תובב"א א גרעסערער תלמיד חכם פון איהם. און אין א יאָהר שפעטער, ווען ער איז שוין געווען אין ירושלים איז דאן אָנגעקומען דער גרש"ם זצ"ל זיע"א האט ער איהם דאן גלייך איבערגעגעבען די הוראה 8).

ער פלעגט דערצעהלען זיינע קינדער (כדי זיי צו לערנען מדות) אז ווען ער איז געווען אין חוץ לארץ און פלעגט פאָהרען קויפען סחורה, האָט ער קיינמאָל ניט געהאט קיין קריגערייא ניט ביי דעם קויפען און ניט ביי דעם פארקויפען סחורה. און אז ער פלעגט זעהן אמאָל אז עס קען זיין פיליכט וועט קומען צו עפעס א דין ודברים, פלעגט ער מותר זיין פון זיינס אבי עס זאָל ניט קומען צו קיין דין ודברים.

אז עס פלעגט זיך אמאָל מאכען אז ער פלעגט מוזען האלטען שבת אונטערוועגענס, פלעגט ער זיך עוסק זיין אין מסחר פרייטאג נור ביז האלבען טאג, און אין דעם צווייטען האלבען טאָג פלעגט ער געהן צו גרייטען צרכי שבת „לחם־משנה", ליכט, פרוכט, א. ד. ג. און ער פלעגט קויפען פון די אלע זאכען במדה מרובה, כדי טאָמער וועט זיך מאכען אז איינער וועט זיך פערשפעטיגען און וועט ניט קענען קויפען זאָל ער איהם געבען און דאן פלעגט ער געהן אויף זיין סטאַנציע און זיך טובל זיין און אָנטאָן בגדי שבת, און לערנען שמות כדי מקבל שבת צו זיין מתוך הרחבת הדעת, און פיעלע מאָל האָט זיך געטראָפען אז עס איז געקומען פרייטאָג פארנאכט און די סוחרים פלעגען זיך כאפען אז זיי האָבען זיך פערשפעטיגט און זיי האָבען ניט

---

5) דערצעהלט פון מרת דבורה גליקא קאטלער תחי' בת הגאון ר' יצחק סלאַנט זצ"ל די פלימעניצע פון דעם נדיב און צדיק ר' יוסף יוזל ליאון ז"ל.

6) דאס איז געווען הגאון רבנו שמואל סלאַנט זצ"ל זיע"א.

7) זעה זכרון רבנו שמואל סלאַנט זצ"ל זיע"א.

8) זעה זכרון רבנו שמואל סלאַנט זצ"ל זיע"א.

געקויפט קיין לחם משנה אדער ליכט, אדער אנדערע זאכען, פלעגט ער זיי זאָ־גען: „נאט אייך, איך האב אנגעגרייט צופיעל".

פון זייט ער איז אנגעקומען אין ירושלים ביז זיין פטירה האט ער גע־וואהנט אין איין קליינעם אונד פינצ־טערען חדר, און זיין קיך איז געווען צו געדעקט מיט ברעטער און אין ווינטער פלעגט גאנץ אפט אריינרעגנען, זיין שטייגער איז געווען צו דער צעהלען צו זיינע קינדער מעשיות פון בטחון און אמונה בהשי"ת און וועגען מוסר און מדות טובות כדי איין ווארצלען אין זייערע הערצער אמונה און בטחון, אין השי"ת און איבערהויפט פלעגט ער זייא לערנען ניט צו ווערען אין כעס.

שטענדיג פלעגט ער זאגען אז דער וואס זיצט און לערנט תורה און ער זארגט זיך ניט וועגען פרנסה, און האט אמונה אין השי"ת אז ער וועט איהם שפייזען, וועט השי"ת מאכען אז פון די וועגט פון זיין הויז וועט עם פאלען גילדערנע רענדלעך כדי צו האבען פרנסה.

ער איז געווען איין שרעקליכער „מתמיד" בייטאג און ביינאכט (זיין ארע־עמען מסחר פלעגט ער נור טאהן אקליי־נע ווייל יעדען טאג, און מעהר ניט,) ער פלעגט זיך אויפפיהרען, אז מען פלעגט איהם קומען פרעגען א שאלה אפילו א קינד, פלעגט ער עפענען דעם שו"ע און לערנען מיט דעם שואל דעם דין, און עם אזוי ערקלערען אז דער שואל האט אליין געקענט פארשטעהן צו די שאלה איז כשר, אדער ניט, און אין ביהמ"ד זאגאר האט ער געהאט אסטענדער מיט א קלאזעט און דארט פלעגט ער האלטען זיינע ספרים וועלכע ער האט געדארפט וועגען הוראה, כדי טאמער מאכט זיך עם א שאלה זאל ער אלעם האבען גרייט און דער שואל זאל ניט דארפען ווארטען ביז וואנען ער וועט אויפזוכען דעם ספר, און דארטען פלעגט ער אויך מיט דעם שואל לערנען דעם דין.

זיין עבודת השם איז געווען שרעקליך ער פלעגט זעהר אפט געהן צו די כותל מערבי מתפלל זיין, ער פלעגט זיך מסגף זיין מיט תענתים, ער האט דער צעהלט אז פיר איין צייט האט ער געליטען פון חלומות און פלעגט זעהר פיעל מוזען פאסטען צוליעב „תענית חלום", ביז וואנען ער האט געזעהן אז ער האט שוין מעהר קיין כח ניט צו פאסטען, זא האט ער געפונען איין עצה, איידער ער פלעגט זיך לייגען שלאפען פלעגט ער זאגען עטליכע מאהל אז אויב עם וועט זיך איהם חלום'ן וועט ער מעהר ניט פאס־טען דען איך בין זיך ניט סומך אויף קיינע חלומות, און עם האט זיך איהם אויפגע־הערט חלום'ן אזעלכע חלומות.

ווען ער האט געוואהנט אין עיה"ק ירושלים תובב"א האט ער זיך נוהג געווען אויפצושטעהען האלבע נאכט און געהן אין בית המדרש לערנען, און אין ווינטער, ווען עם פלעגט געהן א שנעע, פלעגט ער זיך נוהג זיין, פאר טאג אויפ־רוימען דעם שנעע און מאכען א וועג פאר אלע שכנים, וועלכע האבען געוואהנט אין די חורבת ר' יהודה החסיד ז"ל זי"ע, צו דעם ביה"כ און להבדיל צו דעם בית המדרש, און פון דעם בית המדרש

ז"ל און וויסענדיג פון זיינע רייד וועלכע ער האט זיך אויסגעדריקט צו זיין איידעם הגרש"ם זצוק"ל זיע"א, האבען געטרייט צו דער גאס, פאר די וועלכע קומען אין בית המדרש לערנען און דאוונען פון אנדערע חצרים, ווייל טאמער וועט חלילה איינער זיך אויסגליטשען געהענדיג אויף דעם שנעע אין דער פינסטער.

איין מאל, אין ווינטער האט עס געטראפען, אן אלטע פרוי, וועלכע איז נור וואס געקומען אין עיה"ק תובב"א, און וועלכע האט געוואהנט לעבען בית המדרש און ניט וויסענדיג ווער דער אלטער מאן איז און זעהענדיג איהם רוימען דעם שנעע, האט זי איהם געבעטען ער זאל איהר אנציהען א ביסעל וואסער פון בור 4). דער חסיד ז"ל האט איהר גלייך אנגעצויגען עטליכע בלעכען וואסער. די אלטיטשקע האט איהם געוואלט בעצאהלען, האט ער אבער ניט געוואלט נעמען, זאגענדיג אז ער קריגט שוין בעצאהלט. בייטאג האט זיך די אלטיטשקע דערוואוסט אז דער אלטער מאן איז דער בעוואוסטער חסיד, איז זי גלייך געגאנגען איהם בעטען אז ער זאל איהר מוחל זיין פאר די טרחה. האט ער איהר געענטפערט: „איך דארף אייך דאנקען פאר דעם וואס איהר האט מיר גורם געווען צו טהאן א טובה א אידיש קינד".

ער ז"ל פלעגט מחמיר זיין אפצולאזען א שידוך אדער פערציהען די חתונה פון די צייט וואס עס איז געשריבען אין די תנאים. ער פלעגט זאגען: ביי תנאים ווי ביי הוצאת המת פון הויז, איז דער מנהג צו ברעכען א ליימענע כלי, צו בעווייזען אז עס איז ניטא קיין תקנה, ווייל פון צובראגענע ליימענע כלים קען מען ניט מאכען קיין נייע כלים, אבער ביי א חופה איז דער מנהג צו ברעכען א גלעזערנע כלי, צו בעווייזען אז עס איז דא א תקנה (גט), ווייל פון צובראכענע גלאז קען מען מאכען נייע כלים.

פאר איינע פון זיינע טעכטער איז איהם שווער געווען צו קריגען פאר איהר א שידוך ווי ער האט געוואלט. ער האט אלץ געקליבען, ביז דער זיידע הגאון ר' שמואל סלאנט זצ"ל זיע"א איז צו איהם צו געשטאנען, פאר וואס ער קלויבט אזוי און דערווייל ווערט די טאכטער עלטער (אין עיה"ק ירושלים תובב"א הייסט א מיידעל פון 20 יאהר אן אלטע מויד) זא האט ער איהם געענטפערט: ווייסט וואס, אויב עס וועט קומען מיט די שיף א יונגערמאן, א בחור אדער א גרוש וועלכער וועט וועלען נעהמען מיין טאכטער, וועט ער מסכים זיין. בקיצור די שיף איז געקומען און צווישען די פאסאזשירען וואס די שיף* האט געבראכט איז געווען א יונגערמאן וועלכער איז געווען ניט פערהייראטה. זא די איינוואהנער פון עיה"ק ירושלים תובב"א וועלכע האבען זעהר געגליכען זייער רבי דעם חסיד

4) אין ירושלים עיה"ק תובב"א טרינקט מען רעגען וואסער, וועלכע ווערען אנגעזאמעלט אין טיעפע בורות (גריבער), און ווען מען דארף וואסער שעפט מען אן פון די בורות מיט א כלי, וועלכע ווערט אראפגעלאזען אין בור מיט א לאנגען שטריק. געוועהנליך איז דאס ניט קיין גרינגע ארבייט.

*אין יענער צייט פלעגט קומען איין שיף נאך יפו, תובב"א דיא פארט שטאדט פון עיה"ק ירושלים תובב"א, איין מאל אין א האלב יאהר:

אויסצוגעפינען ווער ער איז. ער, זעהענדיג אז אלע פרעגען זיך נאך און אלע יעדען איהם דעם שידוך מיט די טאכטער פון חסיד ז"ל, האט ער גענומען נאך שפירען וואס דא איז און איז געוואהר געווארען פון דעם חסיד'ס ווערטער. זא האט ער זיך מישב געווען, לאמיר זעהן צי דער חסיד ז"ל וועט האלטען זיין ווארט. אין א פאר טאג ארום, ווען ער איז געווען אין בית המדרש „שערי ציון" בעוואוסט מיט דעם נאמען „דער אלטער מדרש", וואו דער חסיד ז"ל האט געדאוועט, איז דער חסיד ז"ל צוגעגאנגען צו איהם און גענומען ריידען מיט איהם אין לערנען, האט ער ניט געענטפערט. דאן האט דער חסיד ז"ל געזאגט צו די שדכנים אבוואהל עס ווייזט אויס אז ער קען ניט לערנען, נור איין מאל האב איך א ווארט אויסגערעדט מוז איך דעם ווארט האלטען. אלזא אויב ער וועט וועלען נעהמען מיין טאכטער בין איך מסכים. אונד זא ווי דער יונגער מאן הגאון הרב ר' נתן נטע נאטקין זצ"ל זיע"א האט מסכים געווען, זא איז גלייך געווען תנאים. אויף די תנאים האט דער חסיד ז"ל אויף זיך גענומען זיי צו געבען א יאהר קעסט אויב ער וועט לערנען מיט התמדה. מען דערצעהלט, אז דער זיידע דער חסיד ז"ל האט דאן געזאגט, מען מוז ניט "קענען לערנען", מען מוז „לערנען" און קענען לערנען איז א מתנה פון השי"ת, דיא באבע רבקה עליה השלום זיין פרוי האט נאכהער ווי דער עולם איז אוועק איהם געפרעגט: זונדל, ווי אזוי האסטו צוגעזאגט א יאהר קעסט (ער ז"ל איז געווען אן ארעמאן), זא האט ער איהר געענטפערט, איך האב דאך אויסגענומען אז ער זאל זיצען און לערנען בהתמדה און ווי באלד ער וועט זיצען און לערנען זארג איך זיך ניט פון וואנען איך וועל נעהמען פאר איהם אויף קעסט, דען איך בין זיכער אז השי"ת וועט צושיקען, דו ווייסט דאך די „טאנאזע" (אזא ערדענע כלי), וועלכע שטייט אין קעלער איז יעצט ליידיג וועלען מיר אלע טאג אריינגיסען וואסער און דו וועסט זעהן עס וועט ווערען "עסיג" און די עסיג וועלען מיר פארקויפען און דאס וועט זיין נור פאר דעם חתן אליין. נאך דער חופה האט דער חתן גענומען זאגען תורה, דען דער זיידע ר' נתן נטע נאטקין זצ"ל זיע"א איז געווען א גאון עולם. דער זיידע ר' זונדל ז"ל איז גראדע ניט געווען דאן אין הויז, זא איז דער זיידע ר' שמואל זצ"ל זיע"א ארויס האסטיג פון שטוב און האט גענומען רופען דעם זיידען ר' זונדל ז"ל מיט די ווערטער: שווער, שווער, נטע קען דאך לערנען. דער זיידע ר' זונדל איז אריין אין הויז און האט געהערט זיין פלפול און עס איז עם זעהר געפעלען. אויך האט ער דערצעהלט אז ער איז א יחסן, אן אייניקעל פון דעם גאון בעל השאגת אריה זצ"ל זיע"א. און די שמחה איז געווארען זעהר גרויס. דאן האט ער איהם אויך דערצעהלט אז ער איז א גביר, ער האט צוויי הונדערט גאלדענע רענדלעך (דאן איז דאס געווען א גרויס פארמעגען).

אין א פאר יאהר נאך די חתונה איז די טאכטער פון חסיד ז"ל, די פרוי פון דעם זיידען ר' נתן נטע נאטקין ז"ל, נפטר געווארען נאך גאר א

יונגע, און דאָן האָט דער זיידע ר' נתן נטע נאטקין ז"ל געהייראַטה דיא טאכטער פון דעם גאון ר' ישעיה בארדאקי ז"ל 1).

דער זיידע הגאון ר' נתן נטע נאָטקין ז"ל פלעגט דערמאנען דעם זיידען ר' זונדל ז"ל זיע"א מיט זעהר גרויסע התרגשות, אין דער צייט וואָס אַז ער פלעגט דערמאנען דעם זיידען הגאון ר' ישעיה בארדאקי ז"ל זיע"א וועלכער איז דאָן געווען זיין שווער, מיט וויינינער התרגשות. איין מאָל האָט איהם מיין פאָטער שיחי' געזאָגט, געוועהנליך איז פאַר מיר אַ כבוד וואָס איהר דערמאַנט דעם זיידען ר' זונדל זצ"ל מיט זאָ אַ גרויסען כבוד, דען ער איז מיין זיידע, אָבער אויף אייך וואונדערט מיר, איהר זייט דאָך יעצט דער איידעם פון הגאון ר' ישעיה בארדאקי זצ"ל און ער איז אויך געווען איינער פון די גדולי ישראל, אַלזאָ ווארום דערמאַנט איהר איהם מיט וויינינער התרגשות ווי דעם זיידען ר' זונדל זצ"ל. זאָ האָט ער איהם געענטפערט: אמת, אַז דער גאון הר"י בארדאקי זצ"ל זיע"א איז גוועען איינער פון יחידי סגולה, אָבער דו האָסט ניט געקענט דיין זיידען ר' זונדל זצ"ל, אָבוואָהל דו ביזט זיין אייניקעל. ער איז געווען איינער אין דער וועלט, און ווער עס האָט איהם ניט געקענט דער קען זיך ניט גלויבען עס זאָל מעגליך זיין אַז אַ מענש, אַ בשר ודם, זאָל זיך קענען אויסאַרבייטען אַזוי ווי אַ מלאך אלקים און אין דער אייגענער צייט צו זיין אַ הולך, וויפיעל מיר זאָלען פון איהם דערצעהלען קענען מיר איהם אויך ריכטיג ניט פאָרשטעלען פאַר דעם וועלכער עס האָט איהם ניט געקענט. הער! אַ ביסעל וועל איך דיר פון איהם ז"ל דערצעהלען, אין דער צייט וועלכע איך האָב געגעסען קעסט, האָב איך קיין מאָל ניט זוכה געווען צו עסען צוזאַמען מיט מיין פרוי עה"ש, זיין טאָכטער, אויסער שבת און יום טוב. אַלע מאָל איז געווען אַן אַנדער תירוץ. אַמאָל איך בין מילכיג, איך בין ניט הונגעריג, איך האָב נור וואָס געגעסען און נאָך אַזעלכע תירוצים, און אין אמת גערעדט איך האָב קיין זאך ניט פאַרשטאַנען, איך בין געזעסען און געלערנט, און עס איז מיר גאָר ניט אויפפאַלענד געוואָרען, עס זיינען אריבער איינינע מאָנאַטען, איינמאָל האָב איך דורך אַצופאַל געזעהען ווי 2 אידען אין בהמ"ד רעדען עפּעס און ווייזען מיט די פינגער אויף מיר, איך האָב זיך ניט געמאַכט וויסעדיג און ווייטער געלערנט, נאָר איינמאָל האָב איך געהערט ווי עטליכע אידען האָבען גערעדט, אין ריידען האָבען זיי דער מאָנט מיין נאָמען, איך האָב זיך איינגעהערט און פון די ווערטער וואָס איך האָב געהערט האָב איך פאַרשטאַנען אַז זיי רעדען צווישען זיך אַז איך האָב זיך אָנגעוואָרפען אויף דעם

1) זעה זכרון רבנו שמואל סלאַנט אין ענדע פון זייטע 25.

2) דער זיידע הגאון ר' נתן נטע נאָטקין זצ"ל זיע"א, אויסער וואָס ער איז געווען דער גרויסער גאון און צדיק האָט ער אויך געהאַט זעהר אַ שאַרפען מח און דערצו אַ גרויסער יחסן, אַן אייניקעל פון דעם שאגת אריה זצוק"ל זיע"א, פלעגט אויך ניט שטאַרק האַלטען פון גדולים פון זיין צייט.

חסיד ז"ל ער זאָל מיר אויסהאַלטען, אין דער צייט וואָס דער חסיד איז אַגרויסער אָרעמאַן ל"ע און ניט וועלענדיג זיין אין לייטישע מיילער האָב איך באַשטימט בא מיר אַז נאָך היינט וועל איך ארוים ציהען פון חסיד ז"ל, איך בין אוועק צו הויז און געזאָגט מיין פרוי אַז איך וויל אַז היינט אָדער מאָרגען זאָל זי זעהען אַ וואָהנונג ווייל איך וויל ניט זיין מעהר למשא אויף איהר פאָטער ז"ל, און השי"ת הזן ומפרנס כל העולם, וועט אונז אויך מפרנס זיין, זאָ האָט זי מיר געענטפערט זי וועט טאָן מיין פאַרלאַנג, אָבער פריי־ הער מוז זי דערצעהלען צו איהר פאָטער דעם חסיד ז"ל, אין אַווילע ארום איז אריין דער חסיד און האָט מיר געפרעגט מיט דיא ווערטער „נטע פיליכט, געפעלט דיר ניט די מאכלים וועלכע מען גרייט פאַר דיר צו", (הער זיך איין ער האָט ניט געזאָגט, געפעלט דיר ניט מיינע עסען וועלכע איך גיעב דיר, אזוי ווי מענשען זיינען זיך נוהג צו זאָגען) זאָג מיר, און וואָס מען קען פאַריכטען וועל איך פאַר־ ריכטען בעזה"י, זאָ האָב איך איהם גע־ ענטפערט ניין, ניין, עס געפעהלט מיר זייער גור איך האָב געהערט אַז איהר זייט אָרעם, און איר האָט מיר ניט בכח צו מפרנס זיין, ניין מיין טייערער זאָלסט דאָס ניט זאָגען, ניט איך בין דיר מפרנס נור השי"ת, איך בין נור דער שליח, און עס איז מיר גאָר ניט שווער, אָט פרעג ביי דיין שוויגער, און האָט אריין גערופען זיין פרוי הצדקניות רבקה עה"ש, און האָט איהר געזאָגט, דער צעהל עם וואָס איך האָב דיר געזאָגט ביי דעם תנאים, זאָ האָט זי דערצעהלט אַז, זי האָט איהם געפרעגט ווי אזוי ער איז זיך מתחייב צו געבען אַ יאָהר קעסט, האָט ער געענט־ פערט, איך האָב דאָך אויסגערעדט אַז ער זאָל זיצען און לערנען, נו מיר האָבען דאָך אַליידיגע טאָנאָזע פון עסיג, זאָ וועלען מיר אַלע טאָג אריין גיסען אביסעל וואַסער און דאָס וועט ווערען עסיג און פון דעם וועלען מיר האָבען צו געבען קעסט, און יעצט הער זיך איין האָט דער חסיד ז"ל ווייטער געזאָגט, איך בין זיכער אַז כל זמן דו וועסט דאָ זיין וועט די וואַסער ווערען עסיג, אָבער גלייך ווי דו וועסט אַרוים פון דאַנען וועט די וואַסער בלייבען וואַסער, פאַר וואָס אין די גאַנצע צייט האָב איך ניט זוכה גע־ ווען צו עסען צוזאַמען מיט מיין פרוי, האָב איך ווייטער געפרעגט, אמת, דו האָסט רעכט, אבער מען קען דאָך ניט מכביד זיין אויף די טאָנאָזע אַז זי זאָל אויך פאַר דיין פרוי געבען אַזעלכע מאכלים וועלכע דו האָסט די ווערט וואָס דו זיצט און לערנסט תורה, קורץ און גוט ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט איך זאָל אַרוים ציהען פון איהם, און כמעט בע"כ האָב איך גענומען איין אַנדער וואָהנונג און מיר זיינען דאָרט אַרוים וואָהנען.

ווען די טאָכטער פון דעם גאון הרב ר' נתן נטע נאָטקין זצ"ל זיע"א, פראַדעל עה"ש די אייניקעל פון דעם חסיד הריז"ס איז נפטר געוואָרען יונג, איז איהר פאָטער הר"נ ז"ל געוועזען אין חו"ל, און ווען ער האָט געדאַרפט אַנקומען נאָך עיה"ק ירושלים תובב"א, זיינען אַלע ארוים גע־ גאַנגען איהם מקבל פנים זיין. נור זיין איידעם ר' נפתלי ליאון ז"ל, זיין פערשטאַרבענער טאָכטערס מאַן, איז ניט

ארויס איהם מקבל פנים זיין דען ער האָט איהם געוואָלט אויס מיידען איהם ניט מצער זיין, זאָ ווען זיי זיינען געקומען אין הויז האָט ער געהייסען מיין פאָטער הרב ר' צבי סלאַנט שליט"א ער זאָל זעהען אז ר' נפתלי זאָל קומען צו איהם ווען ער איז געקומען, איז ער אויפגעשטאַנען און בכבודו דערלאַנגט ווייַן און האט געטרונקען מיט איהם לחיים, און איהם געוואונשען, השי"ת זאָל איהם צושיקען זיין זיוג, און גדול יה"י הבית השני, און דאַן האָט ער געזאָגט מיט גרויס אויפרעגונג, אַט די ווערטער וועלכע איך האָב יעצט געזאָגט האָב איך געלערענט פון דעם שוועער דער צדיק ר' יוסף זונדל זצ"ל זיע"א, דער זיידע פון מיין איידעם הרב ר' צבי הירש סלאַנט שליט"א, ווען זיין טאָכטער מיין פרוי הצדקניות צביא עה"ש איז נפטר געוואָרען, האָב איך איהם אויך געזוכט אויס צו מיידען כדי איהם ניט דער מאָהנען זיין צער, זאָ איז ער בכבודו געקומען צו מיר און האָט גע־טרונקען לחיים צו מיר, און געזאָגט די ווערטער וועלכע איך האָב יעצט געזאָגט צו ר' נפתלי עהש, אָבער דאָך איז פאַר־האַנען זייער אַ גרויסער אונטערשיעד, ער דער חסיד הגרי"ז זצ"ל זיע"א, האָט די ווערטער געזאָגט מעומקא דליבא. און כשם שמברכים על הטובה, וכו', אָבער איך האָב געזאָגט די ווערטער, זאָ ווי די וועלט זאָגט איין ווערטעל, אַ בער קען מען אויך אויסלערנען טאַנצען, דער חסיד ז"ל האָט מיר געבעטען איך זאָל זיך מישב זיין מיט איהם וועגען אַ שידוך און דערצעהלענדיג איהם אַז מען רעדט מיר די טאָכטער פון הרב ר' ישע"י באר־דאקי זצ"ל האָט ער מיר צוגערעדט און אויך צוגערעדט דעם שוועער הגאון הרב ר' ישעי' באַרדאַקי זצוק"ל זיע"א, מיין קאָ־זין הרה"ג ר' יוסף זונדל סלאַנט ש"י האָט מיר ערצעהלט פון זיין פאָטער הרב ר' ארי' לייב סלאַנט זצ"ל דער בן יחיד פון דעם חסיד זצוק"ל זיע"א, אַז ווען דער זיידע הגאון הצדיק הרב ר' שמואל סלאַנט זצ"ל זיע"א, איז געוועזן אין חו"ל אין יאָהר תר"כ, געוועהנטליך פלעגט ער קריגען אַפטער בריעף פון זיין שוועער דער חסיד ז"ל זיע"א, האָט דער חסיד ז"ל איהם איינמאָל געשריעבען אַז היינט בין איך געווען ביי דעם "כותל מערבי" און מתפלל געווען, פאַר דיר, און ווען דער זיידע הגרש"ם זציק"ל זיע"א איז אָנגע־קומען אין עה"ק ירושלים תובב"א האָט ער דערצעהלט, אַז דעם טאָג ווען דער חסיד הגרי"ז זצ"ל זיע"א איז געווען ביי דעם „כותל מערבי" און האָט מתפלל גע־ווען פיר איהם איז ער געווען איין חולה מסוכן רח"ל אין ווילנא און יענעם טאָג האָט די קראַנקהייט געבראָכען.

הרב הגאון מוהר"ר זלמן לעווי זצ"ל, דער זוהן פון הגאון החסיד מוהר"ר נחום זציק"ל זיע"א, האָט דער צעהלט אַז זיין פאָטער דער חסיד ר' נחום ז"ל און דער זיידע דער חסיד ר' זונדל ז"ל, זיינען געווען ברידערליך בעפריינדעט, און צוזאַמען געלערענט קבלה, און פיעלע מאָל פלעגען זיי איינער דעם אַנדערען שיקען קוויטלעך און די שלוחים זענען געווען דער ר' זלמן ז"ל און מיין זיידע הרב ר' בנימין ביינישׁ זצ"ל זיע"א, איינ־מאָל האָבען זיי ביידע זיך מישב געווען צוגעפאַסט אַ שליסעל צו די שאַפע וואו דער חסיד ז"ל האָט געהאַלטען זיינע

כתבים, און זיי האָבען איבער געשריעבען איינינע כתבים, „לחשים" אין אַ טאָג ארום, האָט דער חסיד ז"ל גערופען דעם זיידען ר' בנימין בייניש ז"ל און ר' זלמן ז"ל, און האָט זיי געזאָגט, איהר זייט ביידע געווען אין מיין אַלמער, אַלזאָ איהר זאָלט וויסען, אז אַלעם וואָס איהר האט געלערענט אין די כתבים קען מען זיך אויף זיי ניט סומך זיין, (דען ער ז"ל האט פארשטאנען אז איינער אָן דעם אנדערען וועט גאר ניט טאָן, אונד אַבוואָהל זיי האָבען גוט אכטונג געגעבען אז אַלעם זאָל זיין אין אָרדענונג אזוי ווי זיי האָבען געפונען, כדי ער זאָל ניט דערקענען האָט ער אָבער דאָך דערקענט,) נאָך האָט ער דערצעהלט אז ווען זיין מוטער די צדקנית עה"ש האָט געהאַלטען ביי שטאַרבען האָט זי אַשווערע גסיסה געהאַט זאָ האָט זי געזאָגט צו איהר מאַן דעם חסיד ר' נחום זצ"ל זיע"א מיט די ווערטער, נחום איך קען ניט שטאַרבען, בעט דעם חסיד ר' זונדלען ז"ל ער זאָל קומען אין הויז וועל איך קענען שטאַרבען. און אזוי איז געווען, דער חסיד ז"ל איז גלייך געקומען אין הויז און אין אַ קורצע צייט איז זי נפטר געוואָרען. זי איז געווען אַ גרויסע צדקנית.

ווען מיין פאָטער הרב ר' צבי הירש סלאנט שליט"א איז געווען אין פינסק (חו"ל) האָט איהם דער גרויסער תלמיד חכם הרב הגאון ר' חיים מתמיד שיחי' דערצעהלט, אז ווען ער האָט געלערענט אין וואָלאָזין אלס יונגערמאַן, אין דער צייט פון דעם גאון הרב ר' נפתלי צבי יהודה ברלין זצ"ל בעוואוסט מיט דעם נאָמען דער „נציב", האָט איהם איינמאָל דער נציב ז"ל געשיקט רופען און איהם געוויזען אַ בריעף פון דעם חסיד ר' יוסף זונדל זצ"ל זיע"א, אין וועלכען ער האָט געשריעבען, אז בעת ווען ער איז אוועק־געפאָהרען פון וואָלאָזין האָט ער געבעטען מחילה פון אַלע מענשען וועלכע זיי־נען דאָרט געווען, נור יעצט (עס איז שוין דאָן געווען מעהר ווי דרייסיג יאָהר) האָט ער זיך דערמאָנט אז ער האָט ניט געבעטען קיין מחילה פון דעם משגיח הר"נ ז"ל, ווייל ער איז דאָן ניט געווען אין וואָלאָזין, דעריבער בעט ער דעם נצי"ב ז"ל ער זאָל בעטען דעם משגיח ר"נ ער זאָל איהם מוחל זיין, און דער משגיח הר"נ ז"ל איז נפטר געוואָרען אין דעם זעלבען טאָג, אין וועלכען דער חסיד ז"ל האָט געשריבען דעם בריעף. זאָ האָט ער געשיקט רופען דעם אויבען גענאַנטען ר' חיים מתמיד שיחי' זיך מישב זיין וואָס ער זאָל טאָן, זאָ האָט ער איהם געזאָגט אז עס קומט אויס ער זאָל איהם נאָר ניט שרייבען. זאָ האָט איהם דער נציב ז"ל געזאָגט, ער האָט אויך אזוי געדענקט. זאָ האָט ער איהם גאָר ניט געענטפערט אויף זיין בריעף. אין אַ פּאָר מאָנאַטען אַרום האָט איהם דער נצי"ב ז"ל ווידער געשיקט רופען און איהם געוויזען ווידער אַ בריעף פון דעם חסיד ז"ל, אין וועלכען ער האָט ווידער געשריבען, פיליכט איז דער משגיח הר"נ נפטר געוואָרען בעט ער דעם נצי"ב ז"ל ער זאָל אזוי גוט שיקען אַ מנין אויף דעם בית עולם אויף זיין ציון, אז זיי זאָלען איהם בעטען מחילה אין זיין נאָמען, און ער זאָל איהם לאָזען וויסען די קאָסטען פו דעם מנין און ער

וועט דאס מיט דאנק אפשיקען. זא איז ער געווארען זעהר נתרגש פון דעם בריעף און האט געזאגט דעם נצי"ב ז"ל אז עס קומט אוים מען זאל טאן זיין פארלאנג. און אזוי איז געווען. דער נצי"ב ז"ל האט געשיקט א מנין פון זיינע בעקאנטע און דער ר' חיים שיחי' איז געווען איינער פון מנין, און דער מנין איז געגאנגען אהנע געלד בעצאה־לונג און מען האט געענטפערט דעם חסיד ז"ל אז מען האט ממלא געווען זיין רצון.

אויך האט דער זעלבער ר"נ געהערט דערצעהלען אין וואלאזין, אז אין דער צייט ווען דער חסיד איז נאך געווען א יונגערמאן און האט געלערענט אין וואלאזין ווען דער גרויסער גאון און רבי פון דעם חסיד ר' חיים וואלאזשינער זצוק"ל זיע"א האט געלעבט, האט מען איהם דערצעהלט, אז זיין תלמיד ר' זונדיל געהט אלע טאג גאנץ פריה אין גאס און רויכערט א „לולקע" וואס דאס האט דאן ניט געפאסט פאר איין תלמיד חכם, זא האט איהם דער גאון ר"ח ז"ל געשיקט רופען, און האט איהם דערצעהלט וואס מען זאגט אויף איהם, זא האט ער איהם געענטפערטביידע זאכען זיינען אמת, נור דאס מוז ער איהם זאגען אז ער האט קיין מאל ניט גערויכערט און אז היינט רויכערט ער אויך ניט, נור ער האט געהערט אז פילע אידען ווערען נכשל אין עסען „פת פלטר" זא האט ער זיך בארעכענט אז אויב ער וועט אריין געהען אין א בעקעריי און אריין ווארפען א שטיקעל האלץ וועט איהם דער אייגענטהימער נאך אמאל ניט אריין לאזען, דאריבער האט ער געקויפט א לולקע, און ער געהט ארויס גאנץ פריה אין גאס און אין פאקעט די לולקע אנגעפילט מיט טאבאק אויך שוועבעלעך (מעטשעס) און ווען איך קום לעבען א בעקעריי אויווען, אזוי נעם איך ארויס די לולקע אונבעט איהם ער זאל מיר לאזען אנצינדען מיין לולקע געוועהנטליך ערלויבט ער מיר, זא צינד איך אן די מעטש מיט די לולקע, און ווארף אריין די מעטש אין אויווען סטאוו און גלייך ווי איך געה ארויס פון בעקעריי אין גאס (סטריט) זא נעהם איך און פארלעש די לולקע, ביז וואנען איך קום צו איין צווייטע בעקעריי, זיין ענטפער איז דעם גאון ר' חיים זצוק"ל זעהער געפעלען און ער האט דאס מפרסם געווען אין דער ישיבה.

דער חסיד ז"ל איז נפטר געווארען אין יאהר תרכ"ו אין יענעם יאהר האט ל"ע געהערשט די חולי רע, ד' ישמרנו, (זא האבען זיך אלע איינוואהנער פון עי"ק ירושלים תובב"א, פאראייניגט און מען האט גענומען א סטאר אין די אידישע גאס, וועלכע איז געווען אפען ביי טאג און ביי נאכט און אריין געשטעלט עטליכע פעסער ספירט, און שנאפס, און זעק מיט רייז, און ווער עס האט געוואלט איז אריין אין סטאר געטרונקען שנאפס און גענומען אהיים רייז, די 2 זאכען זיינען מיטלען וועלכע ווערען גענוצט אין אזא צייט אויך זיינען דארטען געווען ביי טאג און ביי נאכט, מענשען און אז זיי פלעגען הערען אז איינער איז קראנק געווארען, פלעגען איינינע לייטע געהען אייגרייבען דעם קראנקען מיט ספירט און פיעלע זענען געהאלפען גע־

וואָרען,) און דער שטייגער איז געווען אז אלע מאָל נאָך מנחה פלעגען פיעלע צוגעהען צו דעם חסיד ז"ל הערען פון איהם „דברי תורה", זאָ האָט ער זיי דאַן געזאָגט אויף דעם פסוק „ויהיו המתים במגפה" (במדבר כ"ה,) איז אויבען אויף שווער, די תורה הקדושה איז דאָך מקפיד אפילו אויף א נקודה, האָט דאָך גערארפט שטעהן „וימותו במגפה" ווארום שטעהט „ויהיו המתים במגפה" זאָ האָט ער גע־הערט פון זיין רבי הגר"ח זצו"קל זיע"א מוואלאָזין, וואָס ער האָט געזאָגט אז דאָס בעווייזט אויף די חסדי ד' ית"ש אז אפילו אז די מגפה האָט גערארפט דוירען נור איניגע שטונדען, אָבער אין די איניגע שטונדען זיינען דאָך געשטאָר־בען איניגע אלטע וועלכע זייער צייט איז געקומען צו שטארבען, אונד די חסדי ד' ית"ש זיינען געווען אז אויך דיזע זיינען אריין גערעכענט געוואָרען אין צאָהל וואָס עס איז נגזר געוואָרען עס זאָלען פאלען אין די מגפה, אונד נאכהער נאָך תפילת ערבית איז ער געגאנגען צו הויז אונד אין אפּאָר שטונדען שפּעטער איז ער קראנק געוואָרען אויף די קראנקהייט רח"ל גלייך זיינען געקומען פיעלע לייטע וועל־כע האָבען איהם גענומען רעטען זאָ האָט ער זיי געזאָגט עס איז גאָר ניט, אפשר דארפט איהר גיין צו אנדערע קראנקע אינגערע, געוויינטליך די לייטע האָבען עס ניט געהערט אונד זיי האָבען אָנגעווענדיט אלע מיטלען אבער עס האָט ניט געהאָל־פען אונד פארטאָג מאָנטאג, ג' מרחשוון תרכ"ו, האָט ער אוים געהויכט זיין הייליי־גע נשמה בקדושה ובטהרה, אונד די וועל־כע האָבען געהערט פון עם ז"ל פארנאכט דעם דרוש אויף דעם פסוק האָבען פער־שטאנען אז זיין כונה איז געווען אויף עם, אונד מיט עם האָט די מגפה געסטאפט אונד דאן האָבען די איינוואָהנער פון עה"ק ירושלים תובב"א נאָך מעהר פערשטאנען ווער דער חסיד ז"ל איז געווען,

ת נ צ ב " ה

אונד זאָל ער זיין איין מליץ יושר פיר זיינע אייניקלעך אונד פיר כלל ישראל, אונד בפרט פיר די וועלכע נעמען אינטע־רעסע אין זיינע אייניקלעך ש"י.

מו"ז החסיד הגרי"ז סלאנט זצ"ל ערך צואה והראה למו"ז הרב ר' בנימין ביינישׁ סלאנט זצ"ל, ושמה כתב לדינו ב"ד מיתות ב"ד, ומבלי להספידהו כלל וכלל, ומבלי לשא אותו במטה כלל וכלל (בעי"ק ירושלים תובב"א המנהג הוא אשר אנשים פשוטים נושאים במטה על הכתף, ות"ח נושאים במטה בידים) כי אם לקשור חבלים לרגליו, וככה ימשכו אותו בהחבלים עד מקום קברו, ועל מצבתו לחקוק רק פ"נ יוסף זונדיל מסאלנט", מו"ז התוכח עמו וממש בכה לפניו באמרו, כי פן ואולי יתמהמה משיח צדקנו עוד חמשים שנה, ואז גם משפחתו ישכחו עליו, ולא ידעו מצבתו, ויחשבו על מצבתו, כי הוא מצבת ילד, (כי על ילדים כותבים נוסח כזה) אך כל דבריו לא הועילו, ובאגלי דמעות נכנס למו"ז הגאון הרש"ם זצוק"ל, וסיפר לו כל הענין, ואז נכנס מו"ז הגרש"ם זצ"ל, למו"ז הגרי"זס זצ"ל, והתוכח עמו ופעל

אצלו להחליף הצואה כזה על מצבתו יוחק „פ"נ ר' יוסף זונדל מסלאנט", ולשאהו במטה על הכתף (ולא על הידים אשר הוא דרך כבוד) עד שער העיר, הוא הנקרא „שער הקטן" אשר משם הולכים לבי"ע, ואז לקשור ברגליו החבלים ולמשכהו עד מקום קבורתו, והנה על מצבתו חרות כבקשתו „פ"נ ר' יוסף זונדל בר' בנימין ביינישׁ מסלאנט נלב"ע יום ב', ג' מרחשוון תרכ"ו", אך האבן היא גדולה מאוד, ובעת שהגיעו עם המטה להשער הקטן, אז עמדו כל הקהל נבוכים, כי עליהם למלא דברי המת־רבם האהוב, וכ"א אמר להשני ולבסוף נפל הגורל על הרה"ג ר' יצחק מחברון, והתחיל לבכות בבכיות ויללות, ואחריו בכו כל הקהל, וסיפר הנ"ל למ"א ש"י כי גם ביו"כ לא בכה כן, וכן לא שמע מעולם בכיות כאלו, ולא תוכל לשער את גודל ההרהורי תשובה שקבלו אז כל הקהל ואמר הגע בעצמך דעם הייליגען ר' זונדל, לקשור בחבלים ולמשוך אותו על הארץ, וכמובן הוסיף לספר כי כל הקהל אשר היו בהתהלוכה הכבודה הזאת עבדו בכל כוחם ממש, והרימהו מעל הארץ מעט כדי שהגוף לא יגע על הארץ, אך אהה! הוסיף לאמר עכ"ז נגע מעט הגוף על הארץ.

ת נ צ " ב ה

וזכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

קונטרס „הנהגה ישרה וחיזוק התורה"

מהגאון החסיד רבי יוסף זונדל מסלאנט זצוק"ל זיע"א

בהיותי באטלאנטיק סיטי ניו דזוירזי והתאכסנתי אצל הרב הגאון רבי ישראל שיינקמאן נ"י הגאב"ד דשם, הראה לי בידידות, ספר יקר המציאות, "קונטרס הנהגה ישרה",וכתוב שם בהקדמתו כי נמצא באמתחת הרב הצדיק וכו' מו"ה משה יעקב זיו זצ"ל מקאָוונא בשם מו"ז הגה"ח מהרי"זס *) זצוק"ל, ומובא בסוף ספר חשבון הנפש מהרה"ג מענדיל זבארזער ונדפס בווארשא שנת תרנ"ד, והיות כי הנני חפץ גם לזכות את הרבים על כן לא חסתי על עמלי והוצאות והנני נותן לפני הקורא, וזה לשונו :

דבר אל הקורא !

הקונטרס הקטן הזה אשר לפנין. הוא אשר הונף ואשר הורם מאת ידיד ד' וידיד אנשים צדיק יסוד עולם תלמיד תלמידו של הרב הגאון החסיד רשכבה"ג מרנא ורבנא אלי' זצוק"ל מווילנא ה"ה מו"ה יוסף זונדל (נ"י) זצ"ל מסלאנט יע"א אשר אותה נפשו למושב ירושלים עיה"ק תובב"א, (זה יותר מעשר שנה) וזה המעט זכינו ליהנות מריחו ושיחתו בהיותו אתנו (זיע"א.

*) הגאון האדיר רבי ישראל סלאנטער זצוק"ל בהקדמה לספרו „תבונה„ שהוציא בשנת תרכ"ו כותב „ויצקתי מים על ידי מורי הרב מו"ה יוסף זונדל היושב בירושלים תובב"א, ועד בה לא הגעתי לקרסוליו, הוא היה סלם מוצב ארצה טרוד בטרדת המסחור לבקש טרפו כדרך בעלי בתים אשר מחיתם כבד לפניהם, וראשו מגיע השמימה בטרדה גדולה מדי לחיו נפשו, משפט למודו העקרי היה בעיון הנצרך למעשה, למד הגמרא כולה טור ובית יוסף ובכל האחרונים בעיון, וביותר העיון הגדול בביאורי הגר"א ז"ל, וכשלמד הסעיף שלחן ערוך או הענין עם כל אביזרייהו, היה הציור לפניו כמו שבא הדין לפניו למעשה, ועיין וחקר היטב משפטו עד שהעמידו לפסק נצב, ואז הזר פעמים רבות עד שהיו בידו כמונח בקופסא, כל למודו בתנ"ך ג"מ ומדרשים זוהר היסו"ד לחפש ידיעת המעשה ועל כל אלה גודל הידיעה לישר המדות ולחובת הלבבות, הארכתי מעט במעלת אדם הגדול הזה (אור עולם לפי השערתי) יאריך ד' ימיו ושנותיו למען ישמעו הבעלי בתים וילכו בארחותיו.

ונמצא כתוב בתחילתו בזה הלשון

תשורתי! אם קטן אתה בעיני זולתך ולא ישימו לב עליך, אל יפול פניך, כי גם הכוכבים ממעל ידמו אליך, תיקר תשורת ר"ש בעיניך, ככסף וזהב בערכך, נאמר בעולת בהמה אשה ריח ניחוח, ובעולת העוף אשה ריח ניחוח, לומר אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין לבו לשמים, (סוף מנחות):

הנהגה ישרה וחיזוק התורה!

תיכף כשיעור משנתו לקום מיד *) מהמטה אף שיהיה קר למאוד, ואל ישכב על המטה כעצל כי מעט חיבוק וכו׳ (משלי ו׳) ולרחוץ מיד ויראה בכל האפשרי לילך ללמוד מיד אצל הספר ולא יפסיק מהלמוד אלא לצורך גדול ובישוב הדעת, כגון להכין את עצמו להתפלל ובתוך הלמוד גם כי יהיה קשה כמות ללמוד אעפי"כ ילמוד, ואין התורה מתקימת אלא במי שממית עצמו עליה ומצער גופו תמיד ולא יתן שנה לעיניו (ש"ע יו"ד סי׳ רמו, סעיף כ"א ע"ש) ותיבה אחת מן התורה שוה יותר מכל העולם ומכל המצות (ירושלמי ריש פיאה) ועון ביטול תורה כנגד כולם, ונקרא אפיקורוס אשר אין לו חלק לעוה"ב ח"ו (סנהדרין פ׳ חלק) ועל התורה נתקים העולם כמבואר בפסחים ובע"ג, ובשאר מקומות, וזולת התורה א"א להנצל מרשות היצה"ר, (קדושין ל׳,) ובעת אשר יצטרך לעשות צרכי הגוף ההכרחיים כמו לאכול וכו׳ יראה לחשוב במחשבתו דברי תורה ויראה לקצר בכל האפשרי ולחשוב בכל עת אימתי אוכל לילך ללמוד, וכשיגיע העת ילך מיד בזריזות אל הספר אף שיהי׳ קשה לו מאוד כנ"ל ובתוך הלמוד אל ידבר אלא ירמוז כי הפוסק מדברי תורה מאכילין אותו גחלי רתמים, ויראה להתרחק מאוד מבני אדם כל האפשרי ולאהוב הבדידות ויזכור יום המות אשר אז ישב בבדידות סלה, ואינו יודע יום בואו, ואפשר למחר על כן צריך להיות זהיר מאוד ללמוד, ואם לא עכשיו אימתי, והאדם לא נברא להתעדן בעוה"ז אשר כל ימיו מכאובים, ואחר כך המות ולא יזכר עוד אלא בעבור העוה"ב אשר הוא הטוב האמתי על כן צריך למאס בעוה"ז; ולפום צערא אגרא וטוב דבר אחד בצער ממאה דברים ברוח; ע"כ כשיהיה קשה מאד ללמוד אל יפרוש חס ושלום וישמח על הצער כנ"ל ואף כשיצטרך

בהכרח לדבר עם בני אדם ידבר מעט ובישוב הדעת כמשז"ל מה אומנתו של אדם בעולם הזה יעשה עצמו כאלם.*) ויחשוב בכל עת אימתי אוכל ללמוד וכשילמוד אל יפרוש ממנה אלא להכרח גדול ובישוב הדעת גדול כי הוא כפורש מן החיים ובעניני עוה"ז יראה למעט כגון שלא לקטר במקטרתו אלא ההכרחי ובישוב הדעת ויקבל באהבה את צערו ויזכור כי הכל בהשגחה פרטית רט"י לכפר עונותיו וטוב יותר להצטער בעוה"ז מעט מלהצטער בעוה"ב הנצחיי הרבה על כן ישמח מאוד שעונותיו מתכפרים בעוה"ז ושלשה מתנות טובות נתן הקב"ה לישראל וכולם לא נתנו אלא על ידי יסורין תורה ועוה"ב וארץ ישראל (ברכות ה') על כן אל יקוץ ביסורין אך ישמח בהם כמ"ש שמח ביסורין (אבות פ"ו) וכשילך לישן אל ילך רק כשלא יהיה אפשר להיות לו בלי שינה ושינה לצדיקים רע להם וכו' מעט שנות וכו' ובא כמהלך וכו' (משלי ו') ובאבות אמרו במיעוט שנה וככה ינהג עד שיהיה אצלו כטבע ממש וטוב לו בעוה"ז ובעוה"ב אכי"ר.

אמרו חז"ל במדרש בפסוק אם תבקשנה ככסף (משלי ב') וז"ל מגיד הכתוב כשם שהאדם זהיר בסלעו (פירש בממנו) שלא לאבד כן צריך ליזהר בלימודו שלא יאבד ומה כסף קשה לקנותן כן גם דברי תורה קשה לקנותן אי מה כסף קשה לקנות גם דברי תורה כן ת"ל לא יערכנה זהב וזכוכית קשים לקנותן ככסף ונוח לאבדן ככלי זכוכית עכ"ל.

קיצור מהנ"ל

א) לקום מיד מהמטה גם כשיהיה קור חזק וראשו כבד עליו.

ב) לילך ללמוד תיכף בכל מה דאפשר.

ג) שלא לדבר תוך הלמוד אלא לרמוז׳

ד) שלא לפרוש מן הלמוד אלא בישוב הדעת גדול ולצורך הכרח מאוד.

ה) שגם בעת עשיית צרכיו בעניני הגוף יחשוב בדעתו ד"ת כמ"ש והגית בו וכו'.

ו) שבעת הפרשה מהלמוד יחשוב בכל עת אימתי אוכל לילך ללמוד.

ז(שלא לקטר הרבה.

ח) להתרחק מבני אדם כל מה דאפשר ולאהוב הבדידות מאוד.

ט) גם כשיצטרך ויהיה מוכרח לדבר עם בני אדם ידבר מעט ובישוב הדעת׳

י) שלא ילך לישן כי אם שהשינה תתגבר עליו.

עד כאן מצאתי.

ועתה נעתיק איזה מאמרים מהגאון הנ״ל אשר יעדנו.

מאמר א׳ ידבר מענין העמל וההשתלות בתורה ויראה.

שנינו במ׳ אבות אם למדת תורה הרבה נותנין לך שכר הרבה וצריך להבין מי לא ידע זה כי בעל־הבית נאמן לא יעשוק שכרו של פועל אם מעט ואם הרבה. אמנם באמת דבר גדול השמיענו התנא הזה, ובהקדם מאמר הכתוב נפש עמל עמלה לו (משלי, ט״ז). באור הכתוב לא כמדת עוה״ז, העוה״ב. מדת עוה״ז אם היה אפשרי להשיג המכוון בלי עמל ויגיעה טוב יותר, לא כן מדת עוה״ב אם היה אפשרי להשיג החכמה בלי יגיעה אין זה כלום כי זה אינו שלו ומה הוא שלו העמל וזה הוא אדם לעמל יולד (משלי) דוקא לעמל, וזה הוא נפש עמל אל ידאב לבו על זה מי יתן ואשיג שלמותי בחכמה וביראה ובמדות בלי יגיעה והייתי משיג יותר, אל יאמר כן כי רק העמל שלו הוא ולא החכמה. וזה הוא כונתו באמרו עמלה לו, פירוש אך העמל לבד שלו הוא, ועל כן מה גדלה בזה שמחת האדם היותר קטן, אשר יוכל להשיג מדרגת האדם היותר גדול אם יעמול כמוהו, ואם בחכמה רחוק ממנו הלא העיקר מה ד׳ דורש מאתנו הוא העמל, ואחז״ל (ב״ב ח׳, ע״א) על פסוק „והם תכו לרגליך״, אלו ת״ח שמכתתין רגליהם מעיר לעיר ללמוד תורה הרי שבארו מלת „תכו״ „שמכתתין רגליהם״, הו״ל לכתוב העיקר שלומדים תורה? הרי מוכח דעיקר המעלה היא היגיעה, והעמל והכנעה על ידיעת התורה לקבל מרבותיו וזה אות על יראתו הקודמת לתורתו, וזה מבואר ג״כ בפסוק אל זה אביט אל עני ונכה רוח וחרד על דברו, ולמה לא הזכיר העיקר שהיא ידיעת התורה, אע״כ דעיקר חשיבות התורה העמל וההשתדלות לזה, ובזה אנו מבינים היטב את מאמר תדב״א חיב אדם לאמר מתי יגיעו מעשי למעשי אברהם יצחק ויעקב, ואיך יוכל האדם לבא למדרגת חכמתם? אמנם בעמל כמוהם ניחא, והנה

